ספר

# עטרת הצדיקים

## דא ווערט דער ציילט זייער ווינדערליכע מעשיות וואס עס האט זיך פאסירט ביי דיזע גאונים.

א ווינדערליכע ערצעלונג פון הגאון ה"ר מאיר'ל פרומישלאנער ז"ל.

א ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן מלובלין וצ"ל מיט דעם רבי'ן ר' נפתלי מראפשיטץ.

א ווינדערליכע מעשה פון הצדיק ר' מאטעלי טשערנבלער וצ"ל.

א ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' מיכלי זלאטשוווער מיט זיין זוהן ר' יצחק מראדוועל וצ"ל.

א ווינדערליכע מעשה פון הצדיק ר' חיים מאיר יחיאל וצ"ל.

א שעהן ערצעהלונג פון דעם מחלוקת פון רבין ר' לייביש מאפאלי אויף דעם רבי'ן מקאצק.

א ווינדערליכע מעשה פון רבין ר' לייבעלי איינער וצ"ל מלובלין.

א ויכוח וואס יודען האבען געהאט מיט א גלח און דער מדינה תורגמא פאר דעם מלך הישר סולטאן שלים.

א ווינדערליכע מעשה וואס עס איז פארגעקומען ניט לאנג און שטאדט מ. וואס א מענש פון דער שטאדט האט די מעשה דערציילט וואס ער איז אליין ביי דעם געוועזען.

א שעהנע מעשה וואס א רבי האט דערציילט פאר זיינע חסידים כדי יעדער מענש זאל וויסען ווי אזוי זיך צו פיהרען.

16

כל הזכויות שמורות אצל
הוצאת אמונה
© Copyright 1969 by
M. G. & J. G.

**EMUNA PUBLISHING**
**142 Rodney Street**
**Brooklyn, N.Y. 11211**
**388-8812 — 384-0002**

# עטרת צדיקים

## אַ וואונדערליכע ערצעהלונג פון הרב הקדוש ה"ר מאיר'ל פרומישלאנער ז"ל.

הרב הצדיק מו"ה ר' מאיר פרומישלאנער ז"ל איז אמאהל געקומען אויף שבת אין שטעטיל סניאטין זענען צו איהם געקומען אלע שענסטע מענשען פון שטאדט לומדים גבורים כמעט די גאנצע שטאדט מענשען האבען איהם אבגעגעבען גרויס כבוד. שבת זענען די בעלי בתים געגאנגען צו זאמען מיט הרב הצדיק ה"ר מאיר'ל ז"ל אין שוהל דאווענען. הרב הצדיק האט געהאט א מנהג אליין צו לײנען אין ספר תורה. אין צווישען איין פרשה אין דער אנדערע פלעגט ער זיך נוהג זיין צו נעמען שלום ביי די מענשען וואס האבען נאך ביז שבת נישט געהאט גענומען שלום. בעווייל זיי זענען געקומען פרייטיג שפעט, צווישען די קרואים צום ס"ת איז געוועזען איין סניאטינער יוד וואס איז אויך געקומען פרייטיג שפעהט. ווען מען האט איהם אויף גערופען איז ער געגאנגען צום שלחן אין האט דערלאנגט שלום להרב הצדיק מאיר'ל ז"ל. אין זאגט צו איהם דער רבי בעדארף מיך קאנען, פרעגט איהם הרב ה"צ פאר וואס בעדארף איך דיך קאנען מעהר ווי איין אנדערין. זאגט דער יוד איך בין בעריל'ס זוהן וואס דער רבי האט פאר עטליכע יאהר ביי איהם שבת געהאלטען האט הרב הצדיק געענטפערט אמת עס איז וואהר מיין קינד. הערט רבותי איך וועל אייך דערצײלען וואס מיך האט געטראפין פער עטליכע יאהר דא אין סנאטין. ווען איך מאיר'ל בין נאך געוועזין איין יונגער מאן אין אלע גוטע יודען האבען מאיר'ן געטריבען ווייל זיי זענען ברוגז געוועזין וואס מאיר איז מגלה סודות. אין מאיר האט בעשלאסען צו פאהרין קיין מאלדאווע ווערין דארט אמגיד אין וועלכער שטאדט עס וועט זיך טרעפין פארינדיג אויף דעם וועג איז מיר אויס געקומען שבת צו האלטען אין סניאטין. בין איך דאמאלס איין געשטאנען ביי ה"ר בערין דעם יונגין מאנס פאטער. ה"ר בער האט מיר אבגעגעבען איין בעזונדער חדר בכבוד גדול. ווי מאיר איז געזעסין אין חדר אין האט מעביר געוועזין די סדרה שנים מקרא ואחד תרגום. זענען צו מאיר'ן

ארײַן

# עטרת הצדיקים

אַריין גיקומען צוויי יונגע לייט זיי זעגען גיוועזען קאַסיבער חסידים . אין מיט גרוס כעס אָהן גיהויבען מאיר'ן מבזה צו זיין מיט גרויסע זלזולים כאחד הריקים . אין זייא האָבען כמעט גיוואָלט מאיר'ן שלאָגען : אָבער השם יתברך איז תמיד מיט מאיר'ן · פלוצלינג האָבען דער הערט אַז דער בעל בית גייט זעגען זיי אנטלויפין אויף דער גאַס . ווי מאיר האָט גיזעהן אַז זיי זענען אַנטלויפין בין איך אויך אַרויס אויף דער גאַס זעהן אויב עס איז נאָך צייט אַוועק צו פאָרין אין אַדורף אַריין לעבען שטאָדט אויף שבת . חאָטש אין דאָרף איז נישט דאָ קיין מקוה וועט מאיר זיך גיין טובל זיין לכבוד שבת אין טייך אַריין . עס איז שוין אָבער גיוועזין שפעט . אזוי האָט מאיר גימוזט בלייבען אין סניאַטין אויף שבת . מאיר האָט זיך אָבער מיט גינימען ריצעפטען אויף דעם וועג הייני איינים פון די יונגע לייט זאָל אָהן חאַפין אשטעכעניש אין דעם אַנדערין יונגען מאַנס ווייב זאָל זיין אַמקשה לילד . וכן היי ווען די יונגע לייט זענען צו זיך אַהיים גיקומען איז איינער אַוועק גיפאַלין מיט שטעכיניש . אין דעם אַנדערינס ווייב איז גיוואָרין אַמקשה לילד מען האָט גירופען דאָקטורים אין עס האָט ניט גיהאָלפין דער גיפאַר איז גיוואָרין אַללע מאָהל גרעסער . דאַן האָט דער שוועהר פין דעם יונגען מאַן גיזאָגט צו זיין בני בית אין צו זיין איידים דאָס איז נישט אַנדערש נאָר די האָסט בודאי גימיזט טשעפען מיט דעם רבי . גיוויס האָט דער איידים גילייקינד אין גיזאָגט ניין . דער שווער איז אָבער ברוגז גיוואָרין . אין האָט איהם גירסין ביי די פאות אין האָט גישריגען ער זאָל תיכף גיין מארגין איבער בעטען . ואם לאו וועט ער איהם עוקר מן השורש זיין דער יונגער מאַן איז גיקומען אין האָט מאירן איבער גיבעהטען . האָט מאיר גיזאָגט גיי אַהיים דיין ווייב האָט שוין גיבורין אַבן זכר למזל טוב דער צווייטער יונגער מאַן וואָס עס האָט איהם אָהנגיחאַפט אַשטעכיניש דער האָט נישט גיוואַרט מען זאָל איהם ביי די פאות רייסין . נאָר ער האָט אַליין גישריגען מען זאָל גיין גיך מאיר'ן איבער בעהטען ער קאָן שוין נישט אויס האַלטען די יסורים . ווי מען איז גיקומען צו מאיר'ן איהם איבער צו בעהטען האָט איהם מאיר אויך מוחל גיוועזין אין ער איז באַלד גיזינד גיוואָרין נאָ פאַרשטייט איהר רבותי אמת אַז מאיר בעדאַרף קאָנען דעם יוד ווייל ער איז דוך בערל'ס זוהן . אין ווען נישט וואָס זיין פאָטער איז דאמאָלס אָהן גיקומען וואָלטען די יונגע לייט גיוועזין מאיר'ן גישלאָגין . אין הש"י האָט אזוי מסבב גיוועזין אַז זיין פאָטער איז גיוועזין דער שליח מאיר'ן מציל צו זיין פין שלעכטע הענד נאָ בעדאַרף מאיר זיין זוהן מקרב צו זיין נאָ קומט אייך צו זאָגין עליכם שלום . די מעשה האָט דערציילט הרב הצדיק ר' יחואל מיכל ז"ל פין גלוני

דער

## אַוואונדערליכע מַעשה פון דעם רבי ר׳ שמעלקי ז״ל הרב הצדיק מניקולשבורג.

אין ספר סמיכות משה ווערד גיבּרענגט אַז ער האָט אליין גיהערט די מעשה פין הרב הג׳ הישיש ר׳ אפרים יחיאל מיכל מק׳ נאמסק. וועלכער האָט גיהערט פין הצדיקת מרת מרים ז״ל פין מאהליב אין רוסלאַנד וועלכי איז גיוועזען דעם הייליגען רבּין ר׳ שמעלקי פין ניקילשבורג אין דעם הרב ה״ר פנחס דעם בעל הפלאָה איין שוועסטער. אַז הרב הצדיק הקדוש מ׳ יהושיע העשיל ז״ל מאפּטאָ איז גיוועזען אין אַ שטעטיל לעבּען מאָהליב. האָט דער רב הק׳ מאַפּטאָ גיזאָגט צי זיינע מקרובים מיר וועלען פאָרען קיין מאָהליב מקבל פנים זיין די צדיקת מרת מרים. זענען זיינע מענשין מיט גיפאָרען קיין מאָהליב אין זענען מיט גיגאַנגען מיט הרב הק׳ מאַפּטאָ צי דער צדיקת מרת מרים ז״ל. וועלכס ציווישען די מענשען וואָס זענען מיט גיגאַנגען מיט הרב הק׳ איז אויך גיוועזען הרב הג׳ הר׳ אפרים יחיאל מיכל הנ״ל. האָט עהר גיזעהן ווי די צדיקת מרים האָט שטאַרק מכבד גיוועזען להרב הק׳ מאַפּטא גיבּעטען זעצען ווי דער שטייגער איז דאַן האָט הרב הק׳ גיבּעטען להצדיקת מרים זי זאָל איהם עפּיס דערציילען פין איהרע הייליגע ברודער. האָט זי אָהנגיהויבּען דער ציילין די ווינדערליכע מעשה. יעדער ווייסט פין דעם אַז מיין ברודער ז״ל פלעגט זיצען לאַנג ביי שלש סעודות שפּעט אין דער נאַכט אין מען האָט געזינגען זמירות אין געזאָגט תורה ער פלעגט בענשען שוין נאָהנט פין טאָג עס איז אָבער געוועזען אין שטאָדט אַ מתנגד וואָס איהם איז ניט גיפעלען דאָס התנהגות פין רבּין ער פלעגט אַריין צי שרייען דאָך דעם פענצטער ווען דער רבי איז גיזעסען ביי שלש סעודות קוקט נאָר אויף דעם הימעל אין זעהן ווי עס איז שוין דאָ שטערען מען מעג שוין מאַכען הבדלה אין ער פלעגט מיט זיינע רייד מבלבל זיין דעם רבין פין זיינע הייליגע געדאַנקען אין דער רבי האָט פין דעם געהאַט גרוס צער דאָך האָט ער גאָר גיט געזאָגט:

אַמאָהל איז דער רבי גיזעסען ביי שלש סעודות זייער פערטראַכט פליצלינג האָט מען אַריין געוואָרפען שטיינער מיט שטיקער ערד דורך די פענצטער אין מען האָט געטראָפען דעם רבין אַשטיינדיל האָט זיך דער רבי אויף געכאַפּט פין זיין דביקות אין גיפרעגט ווער עס האָט דאָס געטוהן האָט מען איהם גיענטפערט אַז דער מתנגד האָט דאָס געטוהן. האָט דער רבי געזאָגט ער וועט זיכער צָבּנעמען זיינס מדה כנגד מדה. אין אַצייט אַרים איז דער מתנגד שלאַף געוואָרען אין עטליכע טעג אַרים איז ער גישטאָרבּען פין דאַמאָלס

אהן

אָהן איז שוין דער רבי גיזעסין ביי שלש סעודות במנוחה עס איז שוין כמעט פערגעסען אַז איז עס געוועזען אַמתנגד אין שטאָדט. ביי שלש סעודות האָט ער אָהנגעהויבען צו לאַכען אין האָט געזאָגט „עליונים למטה ותחתונים למעלה״ ד״ה די פין אויבען זענען הינטען אין די פין הינטען זענען אויבען עטליכע מאָהל האָט ער איבער גחזרת די ווערטער. די חסידים איז די זאַך געוועזען אַווינדער נאָך הבדלה האָבען זיינע מקורבים איהם גיפרעגט וואָס דאָס לאַכין אין די ווערטער בעדייטען. האָט ער זיי געזאָגט איהר גידענקט דאָך ווי דער מתנגד האָט מיך מצער געוועזען ביי שלש סעודות פאַר דעס האָט מען איהם גפסקנט גיהנם. אין דאָס איז דאָך ידיעה אַז שבת זענין די רשעים פריי פין גיהנם מוצאי שבת נעמט מען זיי צוריק אין גהנם אַריין נאָר כל זמן די חסידים זיצען נאָך ביי שלש סעודות געהן די רשעים ניט צוריק אין גיהנם אַריין. נאָר באופן אַז דער רשע האָט ניט געלאַכט אוף די חסידים וואָס זיי זיצען לאַנג. אָבער דער מתנגד ער האָט גישפעט אויף מיין שפעט זיצען ביי שלש סעודו׳ איבער דעם אַזוי ווי עס געהט נאָר אַרוס דריי שטערין טרייבט מען איהם צוריק אין גיהנם אַריין. אין ער שטייט עס איז דאָך נאָך שבת אין די מלאכי חבלה ענטפערין איהם עס איז שוין דאָ דריי שטערין. זאָגט ער זיי דער רבי זיצט דאָך נאָך ביי שלש סעודות. ענטפערין איהם די מלאכי חבלה ווען די ביסט געוועזען אויף דער וועלט האָסטו געלאַכט אויס דעם רבין פאַר וואָס ער זיצט אַזוי לאַנג שלש סעודות אין האָסט איהם געהייסען קוקען אין הימעל אַריין אַז עס איז שוין דאָ דריי שטערין. אין יעצט הייסטו קוקען צים רבין אַז ער זיצט נאָך ביי שלש סעודות אין עס איז נאָך שבת דאָרך דעם וועסטו קיין תקומה ניט האָבען. דורך דעם האָב איך געלאַכט אין האָב געזאָגט עליונים למטה ותחתונים למעלה דאָס איז טייטש ווען די ביסט אויבען אויף דעם הימעל הייסטו אַראָב קוקען צום רבין אַז ער זיצט נאָך ביי שלש סעודות איז נאָך שבת אין ווען ביסט געוועזין הינטען האָסטו געהייסען אַרויף קוקען אוף דעם הימעל אין זעהן אז עס איז שוין דאָ שטערין עס איז שוין אויס שבת. פין דאַנען זעהן מיר ווי אַמענש ראַרף זיין געהיטען ניט צו לאַכען פין קיין תלמיד חכם מיר זאָלען זוכה זיין צו דינען גאָט מיט ריינע ערליכע הערצער אמן:

# אַ ווינדערליכֶע מַעֲשֶׂה פין רֶבִּין מִלוּבְּלִין זצ"ל מִיט דֶעם רֶבִּין ר' נַפְתָּלִי מֵרָאפְּשִׁיטְץ.

אין דער שטאָדט סטרעט וואָס געפינט זיך אין באָרקאָווינע האָט געוואָהנט איין חסיד אין אלמדן מופליג בתורה וועלכער האָט גיהייסען ר' בינימין. גירופען האָט מען איהם ר' בינימן סטראַטעד. ער איז גיוועזען אתלמיד מובהק פין הרב הצדיק מו"ה חיים מטשערניוויטץ בעמ"ח פין ספר באמ"ח. דער ר' בנימין איז גיוועזען זייער גיליבט ביי הרב ה"צ ר' חיים שטערניוויצער. אַמאָהל איז היר בינימן שלאַף געוואָרען האָט ער גישיקט איין שליח מיט אַקוויטעל אין אַפ"נ צי זיין רבין ה"ר חיים ווי הרב ר' חיים האָט דער הערט אַז ר' בנימין איז שלאַף האָט ער תיכף גישיקט איין שליח מיוחד ער זאָל גיוואָהר ווערען וואָס ר' בנימין מאַכט. אין הרב הצדיק ה"ר חיים איז געשטאַנען אַגאַנצע נאַכט ביי דעם פענצטער אין אויס גיקיקט דעם שליח מיט תשובה. ביז דער שליח איז געקומען אין האָט איהם גיזאָגט אַז עס איז איהם בעסער אזוי גישעצט איז ביי איהם גיוועזען דער חסיד ר' בנימין אין איידער הרב הצדיק ה"ר חיים טשערניוויצער איז אַוועק גיפאָרען קיין ארץ ישראל. האָט ה"ר בנימין גיוויינט אין גיפרעגט זיין רבי ה"ר חיים. רבי ביי וועמען לאָזט איהר מיך איבער. האָט איהם הרב גיענטוועט פאָהר מיט מיר מיך באַלייטען ביז אַפּט וועל איך דיך איבער לאָזען אויף מיין מחותנס פלייצים. פאָרינדיג קיין ארץ ישראל איז הרב הצדיק ה"ר חיים גיפאָרען צי הרב הצדיק מו"ה אברהם יהושיע העשיל ז"ל פין אַפּט זיך גיזעגינען מיט איהם דען זיי זענען גיוועזען מחותנים. ווען הרב ה"צ ה"ר חיים האָט זיך גיזעגינד מיט הרב ה"צ פין אַפּט אין ה"ר בנימין איז דער ביי גישטאַנען האָט הרב ה"צ ה"ר חיים גיזאָגט מחותן מיר לאָזין איבער אינזער ר' בנימין אויף אייערע פלייצים. אין מיט ה"ר בנימין האָט ער זיך גיזעגינד אין גיזאָגט גידענק אַז איוד בעדאַרף אויס גיין דאָס חיות פאַר דער הייליגער תורה. אין הרב ה"צ ה"ר חיים איז אַוועק גיפאָרען קיין ארץ ישראל פון דאַמאָלס אָהן איז ה"ר בנימין געפאָרען צי הרב ה"צ פון אַפּט. און ה"ר בנימין פלעגט דאַווינען פאַר דעם עמוד ימים נוראים ביי הרב ה"צ פין אַפּט. אין דער ר' בנימין האָט לא עלינו נישט גיהאַט קיין קינדער. אין ער פלעגט דערקיטשין להרב ה"צ מאַפּט וועגען קינדער האָבען דען דאָס ווייב האָט זיך מיט איהם נישט גיוואָלט גטין. איין מאָהל זאָגט הרב הצדיק צי ר' בנימין פאָהר צו הצדיק מלובלין וועסטו גהאָלפען ווערין. איז ר' בנימין גיפאָרען קיין לובלין צו הרב ה"צ ה"ר יעקב יצחק ז"ל. איז האַט דאָרט אָפּ גיגעבען אַקוויטל מיט פ"נ להרבי מלובלין ז"ל

אין

אין גיבעטען ער זאל פאר איהם מתפלל זיין ער זאל גיהאלפין ווערין מיט קינדער. האט איהם ה״צ מלובלין גיענטווארט ער זאל ווארטען ביז מארגען אין דער פרי וועט ער אוים זאגין תשובה אוף זיין בקשה דען ער איז יעצט אטרוד מיט איין פדיון נפש פין יאסי. דען דער ברודער פין הגביר ה״ר מיכל דניאל איז מסוכן שלאף אין נוטה למות ר״ל. האט זיך ר׳ בנימין. זייער גיווינדערט אויף דער תשובה. אין ער האט איבער גיווארט ביז מארגין, אוף דעם צווייטען טאג אין דער פרי איז ה״ר בנימין גיגאנגין צו הרב הצדיק הערין די תשובה. האט הרב הצדיק גיזאגט צו ר׳ בנימין. הער מיך אויס עס איז מיר געקומען אקוויטעל מיט פ״נ פין דער שטאדט יאסי אז ה״ר מיכל דניאל׳ס ברודער איז גיפערליך שאף. האב איך פאר איהם מתפלל גיוועזען אבער די תפילות זענען ביי מיר נישט ארויס גלאט פון מאהל ווי גיוועלניך. ווייס איך אז ער איז נפטר גיווארין. אין זיין ווייב די אלמנה זי איז דיין זיווג אין מיט איהר וועסטו האבען אזוהן מיט אטאכטער האט זיך בנימין זעהר דערשראקען אין גיווינדערט אוף דער תשובה. דען זיין ווייב אין סעראט האט דורך גילעבט האט זיך ר׳ בנימין גיזעגינד און איז אהיים גיפארען ווי ער איז אהיים גיקומען איז דאס ווייב קראנק גיווארין און אקורצע צייט איז זי גישטארבין ר״ל. נאך דעם האט ה״ר בנימין חתונה גיהאט מיט דער אלמנה פין דעם נפטר ר׳ מיכל׳ס ברודער פין יאסי. אין ער האט מיט איהר גיבארין אזוהן מיט אטאכטער אזוי ווי הצדיק הרבי מלובלין האט איהם גיזאט:

יעצט וועלין מיר דערציילען דאס צדקות אין חסידות און די ענדע פין ה״ר בנימין פלעגט זיך נוהג זיין אלע יאהר יו״כ ביי נאכט צו נעכטיגען אין שוהל ווי ער האט גערדאווינט און ניט אהיים גיגאנגען. נאר בשנת תקפ״ז איז ער שווער שוואך גיוועזען און האט זיך ני״ט גיפיהלט אין כח צו בלייבען יוה״כ בייננאכט און שוהל ווי זיין מנהג איז גיוועזען, און איז אהיים גיגאנגען אין איז אנטשלאפען גיווארין האט זיך איהם געחלימט אז ער רייד מיט זיין רבי הרב הצדיק ה״ר חיים טשערנאוויצער ז״ל. האט ער זיך אויף גיחאפט מיט שרעק און ה״צ בנימין האט ערציילט זיינע גוטע פריינד דעם חלום אין גיזאגט הש״י זאל העלפין דער חלום זאל זיין צו גוטען דען איך שרעק זיך עפיס זייער. נאך יוה״כ האט ה״צ בנימין גיקופט אשיינעם אתרוג אוף חג הסוכות אין האט איהם באהאלטען אין איין שאפע וואס ער האט גיהאט שטיין אין גיוועלב ווי עס איז דארט אויף גילעגען אספר תורה. אין דעם גיוועלב איז גיוועזין שניט סחורה וואס ה״ר בנימין פלעגט ברענגין פין לייפציג און פון וויען. כוכות ביי נאכט האט ה״ר בנימין גינימען זיין בן יחיד וואס איז שוין אלט גיוועזין בערך פין זעקס יאהר מיט זיך און סוכה אריין מיט איהם דארט צו נעכטיגען

בעכטיגען כדי איהם מחנך צו זיין במצות. פליצלינג האלבע נאכט איז געווארין איין לארים אין שטאדט עס ברענט. האט ה״ר בנימין געכאפט די שליסעל און געעפינט דאס געוועלב וועלכעס עס איז געוועזין מיט אייזערני טיהרין אין איז ארייין אין געוועלב פון דארט עפיס צו ראטיוועֶן. דער וויל איז ה״ר בנימינ׳ס ווייב אויס אין גאס אין זי האט געזעהן אז דאס געוועלב שטייט אפין האט זי געכאפט געהך און פארשלאסען די טיהרען. פאר שרעק האט זי נישט געפרעגט אויב עס איז דארט עמיץ דא. נאך דעם האט מען זיך אומגיקיקט אז ה״ר בנימין איז נישט דא האט זיך דאס ווייב דערמאנט אז זי האט פארשלאסען די טיהרען פין געוועלב אפשר איז ער דארט. האט מען געעפינט דאס געוועלב האט מען גיטראפען ה״ר בנימין איז געזעסען פאר חלישט אין האט געהאלטען און איין האנד די ספר תורה און דער צווייטער האנד דעם אתרוג. מען האט איהם גענימען ראטיוועֶן אבער עס איז געוועזין צו שפעהט. ער איז געשטארבען אין די גאנצע שטאדט האט איהם בעוויינט אוף זיין צדקות ער איז נישט געלאפען ראטיוועֶן זיין סחורה זיין פערמעגין נאהר דעם אתרוג מיט דער ספר תורה. אין עס איז מקיים געווארען זיין רבינ׳ס ווארט אז איוד בעדארף אויס גיין דאס חיות פאר דער הייליגער תורה. יעצט זעהן מיר ווי די הייליגע צדיקים האבען גיהאט ליכטיגע אויגען אין אלעס גיזעהן זייער זכות זאל אינץ ביישטיין מיר זאלין בקרב אויס גילייזט ווערען פון גלות אין קיין ארץ ישראל במהרה בימינו אמן:

# אַ ווּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פִין רֶבִּין מִלוּבְּלִין זצ״ל מִיט דֶעם רֶבִּין ר׳ נַפְתָּלִי מְרָאפְּשִׁיטְץ.

די תלמודים האָבען געבעטען דעם רבין אַז ער זאָל ברענגען משיח׳ן און ער האָט זיי צי געזאָגט. אין שמחת תורה פאַר די הקפות האָט ער שטאַרק געאַרבייט וועגען דעם און ער האָט ניט געוואָלט געהן צי די הקפות ביז עס וועט העלפין ויין בקשה. פּלוצלונג איז ער אַרויס געפאַלען פין פענצטער די חסידים האָבען איהם געטראָפען ליגען אין הויף און האָבען איהם אַריין געטראָגען אין שטיב אַריין און ער איז געלעגען צי בעט ביז דער פטירה. נאָך סוכות ווי זיינע גרעסטע תלמודים האָבין דער הערט די בשורה זענען זיי זיך אַלע צי זאַמען געקומען קיין לובלין מבקר חולה זיין דעם רבין נאָר דער רבי ר׳ נפתלי מראָפּשיץ איז ניט געקומען. יעדען טאָג זענען זיי געגאַנגען צים רבין זעהן וואָס ער מאַכט עס האָט אַזוי געדויערט ביז נאָך פורים איז נאָך דיא שלאַפקייט געשטאַנען אויף איין אופן. נאָך פורים ווי זיי האָבען געזעהן אַז דיא שלאַפקייט האָט זיך געשטאַרקט און מען האָט געזעהן אַז עס האַלט ביי שלעכט האָבין זיי געשיקט אַשליח נאָך ר׳ נפתלי זצ״ל מראָפּשיטץ אז ער זאָל קומען כדי אַלע תלמודים זאָלען זיין בייזאַמען ביי דעם רבינס פטירה.

דער רבי ר׳ נפתלי איז געפאָהרען קיין לובלין און איז אָהנגעקומען קיין לובלין ר״ח ניסן און איז אַריין געגאַנגען צום רבין און האָט געזעהן ביי וואָס דעם רבינס שלאַפקייט האַלט ער האָט שטאַרק געוויינט און איז שוין געזעסען ביי דעם רבינס בעט ביי טאָג און ביינאַכט ער האָט ניט אָבגעטרעטען קיין איין רגע פין רבינס בעט גאַנצע צוועלף טעג. עס איז געקומען דער דרייציטער טאָג אין ניסן און דער פריה איז דער רבי ר׳ נפתלי אַרויס געגאַנגען פין רבין און איז געגאַנגען אויף זיין אַכסניא און איז שוין מעהר ניט אַריין געקומען צים רבין. אָבער אַלע תלמודים זענען געבליבען זיצין ביי דעם רבין און ניט אָבגעטרעטען קיין רגע. יעדען טאָג האָבין זיי געשיקט נאָך דעם רבין ר׳ נפתלי ער זאָל אַריין קומען צים רבין. ער האָט אָבער ניט געקוקט אויף זיי און איז ניט געקומען צי געהן. תשעה באב אין דער פריה ווי זיי האָבין געזעהן אַז עס האַלט שוין ביי שלעכט האָבין זיי ווייטער גישיקט נאָך איהם. צוועלף אַזייגער ביי טאָג איז ער געגאַנגען צים רבי׳ן און אַזוי ווי ער איז נאָר אַריין גיקומען אין שטיב אַריין האָט דער רבי איבער געגעבען זיין נשמה צי השי״ת און איז נפטר געוואָרין תשעה באב נאָך צוועלף.

די תלמודים איז די זאַך גיוועזען אַוואונדער פין וואַנען האָט ר׳ נפתלי געוויסט אָב צי פאַסען די צייט ווען דער רבי וועט נפטר ווערען האָבין זיי איהם גיפרעגט

גיפרעגט . האָט ער זיי גיענטפערט איך בין ניט קיין נביא אין ניט קיין בן נביא מעהר פון אייך . נאָר די זאַך איז אַזוי ווי עס איז דאָך ידיעה אז אין די צוועלף טעהג פון ר״ח ניסן יעדעס יאָהר פלעגט דער רבי אויף שרייבען וואָס עס וועט זיין אין דעם גאַנצען יאָהר יעדען טאָג אויך יעדען חודש איבער דעם בין איך געקומען צו פאָהרען ר״ח ניסן און בין גיזעסען ביי דעם רבין און ניט אָבגיטרעטען קיין רגע פון רבין ווי עס איז געקומען אין פינפטען טאָג (וואָס ער איז מרמז אוף חודש אָב ווייל די חדשים רעכינען זיך פון ניסן) האָט מיר דער רבי בעזאָגט איך זעה ניט דעם טאָג פון תשעה באָב נאָר ביז אַהאַלבען טאָג ניט מעהר האָב איך פערשטאנען אַז דאָס מיינט ער אוף זיך ווייל ער וועט ניט לעבען נאָר ביז צוועלף . איבער דעם האָב איך גיוויסט אָב צו פאסטען ווען אריין צו קומען צום רבינס פטירה זי״ע ועכי״א .

# אַווינדערליכע מעשה פון רבין ר׳ נחום טשארנאבלער מיט זיין זוהן ר׳ מאָטילי טשארנאבלער זכרונם לברכה.

דער רבי ר׳ מאָטילי איז געוועזען זייער שלאַף און איז עטליכע וואָכן געלעגען אין בעט און עס איז איהם ניט בעסער געוואָרין . אין פונקט דאַמאָלט איז זיין משמש וואָס איז נאָך געוועזען משמש ביי זיין פאָטער ר׳ נחום זצ״ל אויך שלאַף געוואָרען און האָט געהאַלטען ביי שטאַרבען. די חסידים האָבין בעזעהן אַז דער משמש האַלט ביי שטאַרבען און אויך זייער רבין ווערט ניט בעסער . זענען זיי געגאַנגען צו זייער רבין ר׳ מאטילי און איהם געבעטען אַז ער זאָל אָב שרייבען אַבריף צו זיין פאָטער און איהם בעטען אַז ער זאָל אוף איהם מתפלל זיין אַז ער זאָל געזינד ווערען און זאָל דעם בריף מיט געבין דעם משמש דער משמש זאָל דעם בריעף איבער געבען זיין פאָטער . דער רבי האָט אויף דעם מסכים געוועזען און האָט אָבגעשריבען אַבריעף צו זיין פאָטער און האָט איהם געשיקט צו דעם משמש און איהם אָהנגעזאָגט אַז ער זאָל ניט מסיח דעת זיין פון איהם נאָר אַזוי ווי ער וועט קומען אויף יענעם עולם זאָל ער תיכף איבער געבען דעם בריעף צו זיין פאָטער ר׳ נחום זצ״ל .

דער משמש האָט צו געזאָגט אַזוי צו טוהן ווי דער רבי האָט איהם געהייסען נאָך דעם איז דער משמש נפטר געוואָרען און עס איז פערביי געגאַנגען אַצייט און דעם רבין איז ניט בעסער געוואָרין די חסידים איז עס געוועזען

אווינדער

אווינדער זיי האָבין געוויסט אַז דער רבי ר׳ נחום האָט שטאַרק ליעב געהאַט זיין זוהן אין זיכער האָט דער משמש איהם איבער געגעבען דעם בריעף אין דעם רבין ווערד גאָר ניט בעסער. עס איז פערביי געגאַנגען עטליכע וואָכין די שלאַפקייט האָט זיך אַלע מאָהל מעהר געשטארקט אַז עס האָט שון כמעט געהאַלטען ביי יציאת נשמה פליצלינג האָט דער רבי אָהנגעהויבען צי שוויצען אין אַקורצען צייט איז ער געזינד געוואָרען. ווען ער אין שוין געוועזען פעליג געזינד האָט ער געמאַכט אַסעודת הודאָה אין איז געוועזען זייער פריילך. זיינע מקורבים האָבין געזעהן אַז ער איז פריילך האָבין זיי איהם גיפרעגט צי דער משמש האָט מקיים געוועזען אין האָט איבער געגעבען דעם בריף? האָט ער זיי גיענטפערט יאָ. האָבין זיי איהם גיפרעגט פאַר וואָס האָט אַזוי לאַנג געדויערט פאַר וואָס זענט איהר באַלד ניט געזינד געוואָרען האָט זיי דער רבי געזאָגט איך וועל אייך דער ציילען די סיבה פין דעם. אַזוי ווי דער משמש איז געקומען אוף יענעם עולם האָט ער געבעטען מען זאָל איהם ווייזען דאָס אָרט פין מיין פאָטער האָט מען איהם גיענטפערט אַז ער קען ניט זעהן מיין פאָטערס אָרט וייל זיין אָרט איז קודש קדשים איבער דעם טאָהר ער ניט אַהין אריין געהן האָט דער משמש ניט געקענט איבער געבען דעם בריעף מיין פאָטער. עס האָט אַזוי געדויערט אַצייט ביז מען האָט מיין פאָטער מעלה געוועזען צי אַגראָסערע מדרגה גייענדיג ציא דעם אָרט האָט ער געמוזט אַדורך געהן דורך דעם אָרט ווי דער משמש איז געוועזען אין פיעל כתות מלאכים זענען געגאַנגען מיט איהם עס האָט קיינער ניט גיקענט צי איהם צי געהן:

ווי דער משמש האָט דער זעהן מיין פאָטער האָט ער אָהנגעהויבען צי שרייען רבי רבי. ווי מיין פאָטער האָט דערהערט זיין שרייען האָט ער איהם איבער גיפרעגט ווער ביסטו האָט איהם דער משמש גיענטפערט איהר קענט מיך ניט איך בין דאָך געוועזען אייער משמש. האָט איהם דער רבי גיענטפערט איך קען דיך ניט ער האָט איהם געוואָלט דערמאַנען אַלע סמנים. מיין פאָטער האָט איהם גיפרעגט וואָס ווילסטו האָט איהם דער משמש גיענטפערט איך וויל אייך איבער געבען אַבריף פין אייער זוהן איהר זאָלט אויף איהם מתפלל זיין ער זאָל האָבין אַרפואָה ער איז שוין שלאַף עטליכע וואָכין אין האָט איבער גיגעבין דעם בריף מיין פאָטער, האָט ער איהם תיכף גיענטפערט דעם משמש איך האָב ניט קיין זוהן אוף דער וועלט דער משמש האָט אָהנגעהויבען שטאַרק צי וויינען אין שרייען אין האָט געזאָגט רבי פאַר וואָס גודענקט איהר ניט אין אייער זוהן איז דאָך אויך אַקדוש וטהור. ווי מיין פאָטער האָט גיהערט די רייד האָט ער געזאָגט יאָ יאָ איך גידענק שוין איך האָב אַזוהן ער וועט תיכף האָבין אַרפואָה אין עס איז אַזוי געוועזען אַזוי ווי מיין פאָטער האָט אַרויס געזאָגט די ווערטער האָב איך תיכף

גיהאַט

גיהאַט אָהנגעהויבען צי שוויצען אין בין געזינד געוואָרען :

**נָאךְ** דעם האָט דער משמש געפרעגט מיין פאָטער פאַר וואָס האָט איהר תיכף ניט גידענקט אין אייער זוהן ביז איך האָב געמוזט שרייען מיט אַגעוויין דאַמאָלסט האָט איהר אייך הערשט דער מאַנט אין איהם ? האָט מיין פאָטער איהם גיענטפערט די זאָלסט וויסען אַז די צדיקים האָבען ניט קיין כח צי האָבין עליי בעולם העליון אַריין צי קומען לגן עדן העליון ביז זיי פערגעסען פין דעם גשמיות עולם התחתון . אין איך האָב שוין זיך אויסגעטוהן מעניני עולם הזה איבער דעם האָב איך ניט גידענקט אין מיין זוהן אַזוי האָט דער ציילט דער רבי ר׳ מאָטעלי פאַר זיינע מקורבים בשעת דער סעודת הודאה אַז אַזוי האָט איהם דער משמש דערציילט (ד״ה דער משמש איז צי איהם געקומען מעולם העליון אין האָט איהם דאָס דערציילט) זי״ע ועכי״א :

# אַמַעֲשֶׂה נוֹרָא פוּן הָרַב הַצַדִיק מו״ה מֵאִיר מִפְּרִימִישְׁלַאן ז״ל .

**אין** דער שטאָדט סיטשאַווע איז גיוועזען איין בעל בית ר׳ שמעון נתן . אין דער מענש איז שלאַף גיוואָרען אוף חולי נופל ר״ל . איז דער ר׳ שמעון נתן גיפאָרען צו הרב הצדיק ה״ר מאיר׳ל פרומישלאַנער אוף יום הקדוש . אין דער ר׳ שמעון נתן האָט גיהאַט איין אָהנזאָג פין פיעל דאָקטורים אַז ער טאָהר קיין מאָהל נישט פאַסטען . אין יעדען טאָג באַלד ווי ער שטייט אוף פין שלאָף מיז ער תיכף עפיס טועם זיין טיי צי קאַווע וכדומה אין זיך נישט לאָזען דאָס האַרץ איבער גיין ערב יום הקדוש האָט הרב הצדיק גישיקט צו זיך אַריין רופען ר׳ שמעון נתן אין איהם גיזאָגט די ווייסט אינדזערע הייליגע האָבין גיהייסען יו״כ פאַסטען אין זיך פאַניגען מיט חמשה ענוים. האָט ר׳ ש״נ גיענטוואַרט איך ווייס . האָט ,הרב הצדיק איהם גיזאָגט איך ווייס אַז ביסט איין שלאַפער מענש און די דאָקטורים האָבען דיך נישט געהייסען פאַסטען . נאָהר פאָלג מיך אין זאָלסט דעם יום הקדוש נישט עסין . ביז איך וועל דיך הייסען אין אַלע טאָג ווען ער האָט נישט גינומען עפיס עסין צי דער צייט האָט ער בעקומען חולאת ר״ל . דורך האָט ר׳ שמעון נתן גיזאָגט צו הרב הצדיק איך וועל אַזוי טוהן ווי דער רבי הייסט מיך . נאָך כל נדרי זאָגט הרב הצדיק צו ר׳ ש״נ ביי נאַכט זאָלסטו גאָהר נישט עסין אין נישט טרינקען אין דער פרי וועל איך דיר זאָגען ווען די זאָלסט עסין . איז ר׳ ש״נ גינאַנגען אוף דער

אבסני׳

אַכסני׳ אין זיך גילייגט שלאָפען, גאַנץ פרי איז ער גיגאַנגען צי הרב הצדיק זאָגט איהם הרב הצדיק וואַרט מיר אויס ביז נאָך ברכו. האָט ער גיוואַרט ביז נאָך ברכו אין דאָס האַרץ האָט איהם שוין גיט גיחלישט. איז ער צו גיגאַנגען צו הרב הצדיק זאָגט ער איהם וואַרט מיר אויס ביז נאָך קדושה אַזוי האָט איהם הרב הצדיק אָפגיפירט ביז נאָך מוסף אין ביז נאָך נעילה. אַזוי האָט דער ר׳ שמעון נתן אָפגיפאַסט אַגאַנצען טאָג אין דאָס חולאת ר״ל האָט ער נישט גיהאַט ווי עס איז גיקומען ביי נאַכט מוצאי יום הקדוש האָט הרב הצדיק אַריין גירופען ר׳ שמעון נתן צו זיך און איהם מכבד גיוועזען מיט לעקעך אין בראָנפען ווען ר׳ שמעון נתן האָט גטרינקען לחיים זאָגט איהם הרב הצדיק די רפואה וואָס מאיר האָט דיר גיגעבען וועט דיר מעהר העלפין ווי אַלע דאָקטורים. וכן הוה דער מענש איז גיוואָרען פעליג גיזינד און עד יום מותו האָט ער מעהר פון דער קרענק ר״ל נישט גיוויסט. פון דאַן אָהן פלעגט ער אַלע יאָהר פאָרען אויף יום הקדוש צו הרב הצדיק קיין פרעמישלאַן זכותו יגן עלינו תמיד:

## אַ ווינדערליכע מַעֲשֶׂה פין הָרַב הַצַדִיק ר׳ מָאטֶעלִי טְשֶׁעְרנָבְּלֶער זצ״ל:

דער רבי ר׳ מאָטילע טשערנאָבלער אין אַמאָהל געוועזען אין אַשטאָדט אַצייט ער האָט שוין געוואָלט אַוועק פאָהרען איז צי איהם געקומען אַמענש אין איהם געבעטען אַזוי ווי עס איז מאָרגען ביי איהם אַברית בעט ער דעם רבין אַז ער זאָל זיין סנדיק. דער רבי איז שוין געבליבין אויף מאָרגען צו זיין אויף דעם ברית. מאָרגען אין דער פריה האָט דער רבי אָבגעדאַווענט אין איז געגאַנגען אויף דעם ברית אין איז געוועזען סנדיק אין מען האָט דאָס קינד מל געוועזען נאָך דעם ברית האָט מען מכבד געוועזען דעם רבין מיט לעקיך אין בראָנפין. נאָך דעם האָט דער רבי גיפרעגט דעם בעל ברית פאַר וואָס ער גרייט ניט צים טיש מען זאָל געהן עסין האָט איהם דער בעל ברית גיענטפערט אַז ער מאַכט ניט קיין סעודה האָט איהם דער רבי געזאָגט איך זעה אַז די ביסט פריילך פין דער מצוה פאַר וואָס מאַכסט די ניט קיין סעודה. האָט איהם דער בעל ברית גיענטפערט איך וואָלט זייער געוואָלט מאַכין אַסעודה גאָר איך בין זייער אָרים. האָט איהם דער רבי געזאָגט איך וועל געבען האַלב אין די צווייטע העלפט גיט איהר אין מען זאָל מאַכין אַסעודה האָט דער בעל ברית גיענטפערט

גיעֶנטפֶערט איך קען קיין האלב אוף ניט געבען האט דער רבי געזאָגט גיב אַדריטעל אין איך וועל געבען צוויי דריטלען . האט ער געזאָגט אַז ער קען קיין דריטעל איך ניט געבען דער רבי האט גענעבען געלד אין מען האט געמאַכט אַסעודה אין דער רבי מיט זיינע חסידים האָבען זיך גיזעצט צים טיש צי דער סעודה:

אין מיט סעודה האט דער רבי גערעדט פין עיין סעודת מצוה אין האט געזאָגט אַז אסעודת מצוה איז גרויס כמעט עס איז ניט דאָ קיין גרעסערע מצוה פין דעם וועלכעס זאָל קענען מעניש זיין דעם שטן אין דעם קיטרוג פין יודען ווי אַסעודת מצוה . אין ער האט געזאָגט איהר זאָלט וויסען אַז דער שטן אַרבייט גיכער ניט צי לאָזען דעם מענש מאַכין אַסעודת מצוה ווי די מצוה אַליין. דעם טעם דער פין איז ווייל מיט דעם וואָס יודען מאַכין אַסעודת מצוה האט דער מלאך מיכאל דער שר פין די יודען מנצח געוועזען דעם שטן . עס איז אַ מאָהל געוועזען אַגרויסער קטרוג אוף יודען דער שטן האט אוס גירעכינט כמה וכמה עבירות וואָס די יודען האָבין געטוהן אין דער מלאך מיכאל דער מליץ דער יודישער איז געשטאַנען אין האט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערין אין ממליץ זיין אוף די יודען ווייל ער האט געוויסט אַז דאָס אַלץ וואָס ער זאָגט איז אמת מען האט שוין כמעט געוואָלט אָב חתמנען אַגזר דין אויף די יודען האט זיך דער מלאך מיכאל מיישב געוועזען אין האט געזאָגט צים שטן דיינע טענות זענען טאַקי אמת נאָר צי האסטו שוין אַמאָהל געזעהן אַז נאָך ווי ער טוהט איין עבירה אַז ער זאָל זיין בשמחה דהיינו ער זאָל נאָך דער עבירה מאַכין אַסעודה וכדומה ער זאָל זיך פרייען מיט דער עבירה אַדרבה ער איז טרויעריג נאָך דעם ווי ער טהוט די עבירה ער האט חרטה אָבער זאָלען מיר זעהן אַז ווען אַיוד טהוט אַמצוה איז ער בשמחה אין ער מאַכט לכבוד דער מצוה אַסעודה ווייל ער האט זוכה געוועזען מקיים צי זיין דעם רצון השי״ת . אין דאָס ענין פין דעם איז. ווייל אַיוד וויל ניט טוהן קיין עבירה נאָר עס געהט אין אים אַריין אַרוח שטות דער שטן רעדט איהם אָהן ער זאָל טוהן די עבירה טהוט ער די עבירה מצד ההכרח ווייל דער יצר הרע האט איהם גענייט הייסט ער אַ אונס אין אַ אונס האט די תורה געפטרת אָבער אַז אַיוד טהוט אַמצוה טהוט ער זי מיט זיין גאַנצען רצון איבער דעם איז ער נאָך דעם בשמחה מיט דער טענה האט דער מלאך מיכאל מנצח גיוועזען דעם שטן אין דער פסק דין איז אַרויס געגאַנגען אוף דעם כלל ישראל לטובה ולברכה פין דאַנען זעהן מיר ווי גרויס אַסעודות מצוה איז. השי״ת זאָל אינז העלפין מיר זאָלען זוכה זיין איהם צו דינען מיט אהבה ושמחה מיט הרחות הדעת אמן כן יהי רצון :

## אַווינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּין ר׳ מִיכְלִי זְלָאטשׁוֹוֶוער מִיט זַיין זוּהן ר׳ יִצְחָק מְרַאדְוֶועל זצ״ל.

דָאס איז דאָך ידיעה אַז דעם מגידים קינדער האָבען געהאַט אַמנהג סוכות צו עסין ביי זייער פאָטער. אַמאָהל אין חול המועד סוכות זענען זיי זיך צו זאַמען געקומען זיי זאָלען אַריין געהן צום פאָטער מיט איהם עסין בעזאַמען. ווי זיי זענען אַריין געקומען און הויז אַריין האָבין זיי גיהערט ווי דער מגיד האָט געזאָגט מיט גרוס התלהבות בזה הלשון רבונה של עולם פאַר וואָס ביסטו גוזר שלעכטע גזירות אויף די יודען אין מיר זאָלען זיי דאַרפען מבטל זיין (אַזוי ווי עס שטייט אַז הקב״ה איז גוזר שלעכטע גזירות אין דער צדיק איז זי מבטל) עס וואָלט דאָך בעסער געווען אַז מיר זאָלען גוזר זיין גוטע גזירות און דו זאָלסט זיי מקיים זיין. און האָט אַזוי איבער גחזרט עטליכע מאָהל די ווערטער מיט גרויס התלהבות הערענדיג די ווערטער זענען די קינדער געוואָרען דערשראָקען אין האָבען מורא געהאַט אַריין צו געהן אין שטוב אריין. נאָר ווי זיי האָבין גיהערט אז זייער פאָטער איז שטיל רוהיג געוואָרען זענען זיי אריין געגאנגען. אין הארץ האָבען זיי גיקלערט אויף זייער פאָטערס רייד אז עס הייסט צו שטארק גירעדט אנקעגען השי״ת. דער מגיד האָט באלד מרגיש געווען זייער געדאנק. ווי זיי האָבען זיך אנידער געזעצט ביי דעם טיש האָט ער זיי געזאָגט מיינע קינדער איך וועל אייך דערציילען אווינדערליכע מעשה פון ר׳ יצחקי׳ל ראדווילער ר׳ מעכלי זאלטשיווערס אזוהן:

דֶער רבי ר׳ יצחקי׳ל פלעגט אַלע נאַכט האָבען עליות נשמה און האָט אויף דעם הימעל גילערינט סודות התורה ער פלעגט געהן בהיכלות עליונים צו די צדיקים לערנען ביי זיי סודות התורה און יעדער צדיק פלעגט איהם מוסר זיין סודות התורה. בייטאָג פלעגט ער די אַלע סודות וואָס ער האָט גיהערט ביי נאַכט און הימעל מגלה זיין פאַר זיינע מקורבים. אַמאָהל האָט ער געמאַכט עליות נשמה אין זיין נשמה איז אויף געגאַנגען למעלה למעלה מעהר ווי שטענדיג עס איז דאַמאָלס געווען אין הימעל אַ עת רצון האָט מען איהם געגעבען רשות צו געהן גאָהר הויך אין ער איז געגאַנגען פין איין היכל צים צווייטען אַלע מאָהל העכער אין יעדען היכל האָט מען איהם מגלה געווען גרויס סודות התורה נאָך דעם איז ער אויף געגאַנגען אין איין היכל וואָס עס איז געווען גאָהר הויך ווי ער האָט געוואָלט עפעהנען די טהיר איז אַרויס אבת קול מיט אַגרויס רעש גיה צוריק די טאָהרסט דאָ ניט אריין געהן. ער האָט אָהנגעהויבען צי ציטערן אין האָט געוואָלט צוריק געהן האָט ער גיהערט אקול רופען מיין

טייערער

טייערער זוהן די זאלסט וויסען אז אין דעם היכל רוה איך דיין פאטער. די זאלסט וויסען מיין קינד אז די האסט נאך ניט קיין רשות אריין צו געהן אהער. האט ער איהם גיפרעגט פאר וואס? האט ער איהם גיענטפערט וויל די ביסט נאך ניט געקומען צו דער אמת'דיגער מדריגה ובפרט דורך דעם חטא וואס די האסט געטוהן און דער נאכט:

ווי ר' יצחק'ל האט דערהערט אז ער האט געטוהן א חט די נאכט האט ער זיך זייער דערשראקען וויל ער האט זיך ניט געשפיערט און קיין שום חט. האט ער גיבעטען זיין פאטער אז ער זאל איהם זאגען וואס פאר א חט ער האט געטוהן. האט איהם דער פאטער גיענטפערט דערציילט מיר וואס עס איז מיט דיר פארגעקומען די היינטיגע נאכט וועל איך דיר שון זאגען דיין חט. האט איהם ר' יצחק'ל גיענטפערט עס איז צו מיר אריין געקומען א ארימאן אין האט פון מיר פערלאנגט אגרויסע נדבה און די ווייסט דאך אז איך בין אגרויסער ארימאן איך האב גאהר ניט געהאט וואס איהם צו געבען נאר איין זאך (וואס די זאך איז האט דער מגיד איהם ניט געזאגט) האב איך איהם געוואלט אוועק געבען די זאך ער האט אבער ניט געוואלט נעמען וויל ער האט געזאגט אז מיט דעם וועט ער זיך נאך גאהר ניט קענען העלפין. האב איך איהם געטרייסט אין צו איהם געזאגט וויל השי"ת האט ליעב ארימעלייט איבער דעם שטראפט ער זיי אזוי ווי עס שטעה אין פסק „כי את אשר אהב ד' יוכיח" וועמען גאט ב"ה האט ליעב דעם שטראפט ער איבער דעם דארף ער מקבל זיין דאס אלעס באהבה מעהר איז ביי מיר ניט פארגעקומען קיין זאך די נאכט. האט איהם דער פאטער גיענטפערט איך דארף שוין מעהר ניט הערין ביי דער זאך האסטו געזינדיגט וואס דורך דעם קענסט דו ניט אריין געהן אין מיין היכל אריין. די האסט בעדארפען בעטען צו השי"ת אויף דעם ארימאן אין האבען אווכיח מיט דעם בורא כל העולמים וויל ער פיהרט די וועלט מיט רחמים אז ער זאל זיך מרחם זיין אויף דעם ארימאן וויל דא אין הימעל טייטש מען דעם פסוק אנדער ניט אזוי ווי איהר טייטשט „כי את אשר יאהב ד' יוכית" וועמען גאט האט ליעב דעם שטראפט ער. נאר די טייטש איז „כי את אשר יאהוב ד'" ווער עס האט ליעב גאט „יוכיח" דער איז זיך מתווכח מיט איהם פאר וואס ער פייניגט מענשין עס וואלט דאך בעסער געווען אז ער זאל שפייזען די ארימיליט זיי זאלען האבין לחם לאכול ובגד ללבוש זיי זאלען ניט זיין צי שאנד:

ע"כ זאלסטו וויסען מהיום והלאה ניט אזוי צי טוהן די זאלסט ניט טרייסטען דעם ארימאן נאר די זאלסט האפין צי השי"ת אין מיט איהם האבין אווכיח אז ער זאל העלפען דעם ארימאן אזוי האט דער מגיד מטריסק דער ציילט די קינדער האבין זיי שוין פערשטאנען פאר וואס ער האט גירעדט פין דאנין זעהן מיר

מיר ווי גרויס דער כח פון צדיק איז השי״ת זאל אינז העלפען מיר זאלען זוכה זיין איהם צו דינען מיט אמתדיגע הערצער מתוך רוב עושר וכבוד ורוב שמחה און מיר זאלען זוכה זיין צו אגאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

# אַ ווינדערליכע מַעֲשֶׂה פִין הָרַב הַצַדִיק רֶבִּי ר׳ חַיִים מֵאִיר יְחִיאֵל זצ״ל דֶער שָׂרָף מִמַאגְלְנִיצֶע מִיט דֶעם רֶבִּין מִקָאצְק זצ״ל

עס האט זיך געמאַכט אַ יאָהר וואָס עס איז ניט געווען שכיח קיין אתרוגים אין דער רבי פון מאַגלניצע האט געזוכט אַ אתרוג הדר און האָט ניט געפינען אַזעלכען אתרוג וואָס ער זאל איהם גיפעלין. האט ער געשיקט אַשליח מיוחד קיין וואַרשא וויל ער האָט גורעכענט אַז אין וואַרשא וועט מען געפינען אַ אתרוג אַהדר דער שליח איז געקומען קיין וואַרשא און האָט געזוכט אַאתרוג אַ הדר ער האט אָבער ניט געפינען. האָט ער דער הערט אַז איין יונגער מאַן האָט זייער אַשעהנעם אתרוג איז דער שליח אריבער געגאַנגען צו דעם יונגען מאַן און איהם געבעטען אַז ער זאל איהם פערקויפען דעם אתרוג און ער וועט איהם בעצאָהלען וויפיעל ער וועט וועל׳ן וויל ער דאַרף איהם האָבען פאַר זיין רבי׳נס וועגען דער יונגער מאַן איז געווען אַגרויסער עושר. האָט ער איהם גיענטפערט צו וואָס טויג מיר וואָס איהר וועט מיר בעצאָהלען אַסך געלד עס פעהלט מיר ב״ה ניט קיין געלד נאָר אויב דער רבי וועט מיר מבטיח זיין איך זאל געהאָלפען ווערען דאָס יאָהר מיט אַבן זכר וועל איך איהם געבין דעם אתרוג וויל ער האָט ניט געהאט קיין קינדער און האט געגעגעבען דעם שליח דעם אתרוג און האָט איהם אָהנגעזאָגט אַז אויב דער רבי וועט איהם ניט מבטיח זיין מיט אַבן זכר זאָלסטו מיר צוריק שיקען:

דער שליח האט גענומען דעם אתרוג מיט שמחה און איז אַהיים געפאָרען קיין מאַגלניצער און האָט געגעבין דעם רבין דעם אתרוג. דער רבי האָט אָהנגעקוקט דעם אתרוג איז ער איהם זייער גיפעלין און האָט זיך זייער גיפרייד און איז אַריין געגאַנגען און אַבעזינדער חדר אַריין זיך מתבודד זיין אָב געבען אַשבח צו השי״ת וואָס האָט איהם מזמין געווען אַשעהנעם אתרוג ווען דער רבי איז צוריק אַריין געקומען האָט ער גיפרעגט דעם שליח וויפיעל ער האָט בעצאָהלט פאַר דעם אתרוג? האָט איהם דער שליח געענטפערט

גי ענטפערט. איך האב גאהר ניט בעצאהלט פאר דעם אתרוג נאר איונגער מאן האט איהם אייך געגעבען במתנה נאר באופן איהר זאלט איהם מבטיח זיין מיט אבן זכר אויב איהר וועט איהם ניט מבטיה זיין מיט אבן זכר וויל ער צוריק דעם אתרוג ווי דער רבי האט דאס דערהערט איז ער שטארק צורידערט געווארען אין ער איז געגאנגען און שטיב אהין אין צוריק מיט גרוס התלהבות און האט ניט געוויסט וואס זיך אעצה צו געבען מבטיח זיין דעם מענש מיט אבן זכר האט ער ניט געוואלט צוריק שיקען דעם אתרוג האט ער אוודאי ניט געוואלט. דער נאך האט ער געזאגט צום שליח איך בין דעם מענש מבטיח מיט אבן זכר. עס איז אזו געוועזען צו דריי פערטיל יאהר האט ער געהאט אבן זכר. דאס קינד האט אבער ניט געלעבט מעהר ווי דריי וואכען:

דער יונגער מאן איז געוועזין אקאצקער חסיד נאך דעם ווי דאס קינד איז גישטארבען איז ער געפאהרען קיין קאצק אין האט איהם דערציילט די גאנצע מעשה. האט איהם דער קאצקער רבי געזאגט זאלסט איהם ניט שווייגען ריף איהם אריין לדין ער האט דיר געגעבען אזאך וואס האט ניט געהאט קיין קיום אויף אזא אופן האסטו איהם געגעבען דעם אתרוג קומט דאך אויס אז ער האט געמאכט אויף דעם אתרוג אברכה לבטלה. אזוי ווי דער יונגער מאן איז אהיים געקומען האט ער אב גישריבין אבריף צים רבין פין מאגלניצער מיט די אלע טענות וואס דער קאצקער רבי האט איהם געזאגט. דער מאגלניצער רבי האט פין דעם געהאט גרוס עגמת נפש אין האט שטארק מתפלל געוועזען צי השי״ת. אין נאך דעם האט ער געשריבען אבריף צי דעם יונגען מאן אז ער איז איהם מבטיח מיט אבן זכר אין ער וועט איהם זוכה זיין מגדל זיין לתורה ולכל טוב אין עס איז אזוי געוועזען דער מענש האט געהאט אבן זכר צים לעבען. פין דאנען זעהן מיר ווי גרויס דער כח פין אמצוה איז דער יונגער מאן איז דאך געפאהרען קיין קאצק אין דאס איז דאך ידוע אז דער קאצקער רבי איז געוועזען א איש אלקים אין אז דער קאצקער רבי האט איהם ניט געקענט העלפען מיט קינדער איז דאך אבעוויי אז דער יונגער מאן האט בטבע ניט געקענט האבין קיין קינדער נאר ווייל מען האט געזעהן אין הימעל דאס מסורת נפש וואס דער מאגלניצער רבי האט געהאט ביי דער מצוה פין אתרוג איבער דעם האט זיין ברכה עושה רושם געוועזען אין הימעל אין מען האט משנה געוועזען די טבע אין דער מענש איז געהאלפען געווארען מיט קינדער מיר זאלען זוכה זיין השי״ת זאל אינץ טוהן ניסים שלא כדרך הטבע:

## אַשֶׁעהְן עֶרְצֶעהְלוּנג פוּן דֶעם מַחֲלוֹקֶת פוּן רֶבִּי'ן ר' לֵייבִּיש מְאָפַּאלִי אוּף דֶעם רֶבִּי'ן מִקָאצְק זצ"ל.

דָאס איז דאָך ידוע אַז דער רבי ר' לייביש מאַפּאָלי האָט שטאַרק געקריגט אויף דעם רבין מקאָצק . אמאָהל איז דער רבי ר' לייביש אריין געקומען און בית המדרש אריין האָט ער גיהערט ווי די חסידים האָבען גירעדט שלעכטס אוף דעם רבין מקאָקצק האָט איהם זייער פערדראָסען אויף די חסידים אין האָט אויף זיי שטארק געשריגען היתכן זיך צו דערוואגען צו ריידען אוף אזאָ צדיק קדוש ונורא אזעלכע רייד . די חסידים איז די זאך געוועזען אפלא ווייל שטענדיג פלעגט זייער רבי אליין צו ריידען שלעכטס אויף דעם קאָצקער רבי'ן און יעצט לאָזט ער אַפילו קיין צווייטען אויף ניט ריידען נאָר דאָך האָבען זיי מורא געהאַט איבער צו פרעגען נאָר תיכף ווען דער רבי איז אַרויס געגאַנגען פון בית המדרש זענען די חסידים צו געגאַנגען צו דעם רבינ'ס גרעסטע תלמודים און זיי געבעטען אַז זיי זאָלען אַריין געהן צום רבי'ן און איהם בעטען ער זאָל זיי זאָגען וואָס דאָס בעדייט . די תלמודים זענען אַריין געגאַנגען צום רבי'ן און האָבען איהם גיפרעגט וואָס עס איז היינט אַנדערש ווי שטענדיג . שטענדיג פלעגט ער אַליין ריידען אויף דעם רבי'ן מקאָצק און היינט לאָזט ער אַפילו קיין פרעמדין אויך ניט ריידען ? האָט זיי דער רבי גיענטפערט איך וועל אייך זאָגען דאָס ענין פון מחלוקת אוף דעם רבי'ן מקאָצק און האָט אוף געשריבען אַמ"ם ם און מיטען אַפּינטילע און האָט זיי אַזוי געזאָגט איהר זאָלט וויסען פון דעם פּינטעלי אָהן רעכטס איז בלויז קדושה און פון פּינטעלי אָהן לינקס איז בלויז סט"א טומאה און דאָס פּינטילע אַליין איז די רעכטע אמת'דיגע קדושה וואָס עס איז שוין ניט פערהאַנען קיין גרעסערע קדושה פון דעם און אַז מען רוקט זיך נאָר אַביסעל אַראָב פון דעם פּינטעלי און דער לינקער זייט אַריין פאַלט מען אַריין און דער סט"א (טומאה) :

אַלֶע צדיקים אַרבייטען נאָר און דער רעכטער זייט און צי צוקומען ביז צו דעם פּינטעלי. אָבער צו דעם פּינטעלי אַליין האָבען זיי מורא צי צו קומען ווייל זיי האָבען מורא זיי זאָלען ניט אַריינפאַלען און דער סט"א (טומאה) אַריין אָבער דער קאָצקער רבי ער האָט זיך אַרויף גישטעלט אויף דעם פּינטעלע אין האָט זיך מפקיר געוועזען אין אפלו זיין עולם הבא האָט ער אויך מפקיר געוועזען כדי ער זאָל קומען צי דעם פּינטעלע איבער דעם האָב איך אויף איהם מחלוקת ווייל מיט דעם מחלוקת האלטען מיר איהם ער זאָל ניט אריינפאלען ח"ו אין דער סט"א אריין אָבער באמת איז ער אצדיק קדוש ונורא מאוד זי"ע ועכי"א

ועכי״א פין דאַנין זעהן מיר ווי וויט חסידים דאַרפען זיין געהיטען צי ריידען שלעכטס אויף אַרבי׳ן אין דאַרפען ניט קוקען וואס זייער רבי רעדט אַמאָהל אויף דעם צווייטען רבין וויל זייער רבי ווייסט וואס ער טהוט אָבער מיר פראָסטע מענשין דאַרפען זיך ניט אַריין מושען אין דעם . וויל עס שטייט „הוי זהיר בגחלתן״ מען זאָגט אָהן דער מענש אַז ער זאָל זיין געהיטען פין זייערע קויהלען דאס מיינט מען די זאָלסט זיין געהיטען ניט צי טשעפען קיין צדיק מען גלייכט איהם צי קויהלען וויל פונקט אַזוי ווי אַקויהל עס דאַכט זיך פין וויטענס אַז זי איז שוין אָב געלאָשען אָבער אַז מען נעמט זי אין דער האַנד אַריין ברוהט. מען זיך אָב אַזוי אויף אַרבי חאָטש די זעהסט אַז דיין רבי האָט מיט איהם מחלוקת אין ריידט אוף איהם שלעכטס קענסטו מיינען אַז ער איז ניט קיין רבי אין מעגסט אויף איהם ריידען ? ניין . די האָסט אַגרויסען טעות די קענסט דיך אָב בריהען מיר דאַרפען זיין נכנע פאַר די צדקי הדור ובזכות זה וועט אונז דורך זיי השי״ת משפיע זיין כל טוב אמן :

## אַ ווינדערליכע מַעֲשֶׂה פון רֶבּי׳ן ר׳ לֵייבֶּעלִי אֵייגֶער זצ״ל מִלוּבְּלִין .

צְווייי חסידים וואָס זענען געוועזען מקורבים צום רביין האָבען געהאַט צוויי קונדער וואָס זענען שלאַף געוועזען אויף ח״ג און האָבען פיהל מאָהל געבעטען דעם רבי׳ן ער זאָל אויף זייערע קינדער מתפלל זיין דער רבי האָט אָבער זיי גאָר ניט גיענטפערט זענען זיי געפאָהרען צו פיהל צדיקים עס האט אָבער זיי גאָר ניט געהאָלפען . אַמאָהל האָבין זיי גיפרעגט דעם רבי׳ן צו זיי זאָלען פאָהרען קיין רוסלאַנד צו אַגרויסען רביין וואָס ער פלעגט געבען קמיעות צו נעמען ביי איהם קמיעות פאַר זייערע קונדער וועגען . האָט זיי דער רבי גיענטפערט פאַר וואָס ניט עס קען זיין אַז דורך איהם וועט איהר געהאָלפען ווערין וויל ער איז אַצדיק וקדוש זיי זענען געפאָהרען קיין רוסלאַנד צו דעם צדיק און האָבען ביי איהם גענימען קמיעות און האָבען זיי אָהנגעהאָנגען אוף זייערע קינדערס העלדזער . די קינדער זענען געגאַנגען און די קמיעות אַ יאָהר צייט און עס האָט זיי גאָהר ניט געהאָלפען . עס איז זיי נאָך געוואָרען יעדען טאָג ערגער . צוא זייער רבין האָבין זייא שוין ניט געוואָלט פאָהרען וויל זיי האָבען גיזעהן אַז ער וויל זיי גאָר ניט העלפען און אויף האבען זיי

זיך געשעהמט פאַר דעם רבי'ן פאַר וואָס זיי זענען געפאָהרען צו אַ אַנדערען רבי'ן :

**אַמאָהל** זענען די ביידע חסידים געוועזען און לובלין ביי דעם רבין ר' צדוק הכהן זצ"ל און האָבין איהם דער ציילט די שלאפקייט פון זייערע קונדער און האָבען איהם געזאָגט דאָס זיי זענען ר' לייבל'עס הסידים און האָבען איהם שון עטליכע מאָהל מזכיר געוועזען זייערע קונדער און אויך זיי זענען שוין געוועזען ביי פיהל רבי'ס און עס העלפט זיי גאָר ניט. האָט זיי ר' צדוק געזאָגט געהט נאָך אַמאָהל אַריבער צו לייבע'ען און זייט פאר איהם מזכיר די קינדער. אוב ער וועט אייך הייסען פאָהרען צו וועלכין רבין זאָלט איהר איה: זאָגען פיהל יאָהרען זענין מיר צי אייך גיפאָהרען און יעצט הייסט איהר אינק פאָהרען צי אַפרעמדען רבין וואָס ער קען אינק גאָר ניט. איהר קענט אינק דאַרפט איהר אינק גיכער העלפען ווי אַצווייטער רבי. זיי האָבין אַזוי געטוהן און זענען אַריין גענאַנגען צי ר' לייביל'ען און האָבין איהם געזאָגט אַזו ווי ר' צדוק האָט זיי געהייסען:

**דער** רבי האָט גיזעהן אַז ער האָט שוין ניט קיין ברירה זיי ווילען איהם ניט אָבטרעטען ביז ער וועט זיי העלפען, האָט ער זיי געזאָגט ברענגט אייערע קינדער אַהער. נאָר זיי זאָלען שטעהן אין הויף זיי זאָלען ניט אַריין געהן אין שטיב אַריין. זיי האָבען גיברענגט די קינדער צים רבין ווי דער רבי האָט דער זעהן די קינדער האָט ער זיך מדבק געוועזען צי השי"ת מיט גרויס דביקות און איז אַרום געלאָפען אין שטיב הין און צוריק מיט גרויס התלהבות אַזוי ווי זיין שטייגער איז געוועזען די מענשין וואָס זענען געוועזען אין שטיב האָבין בעקומן שטאַרק פחד און זיי האָבין אַלע תשובה געטוהן צי השי"ת. נאָך דעם איז דער רבי רוהיגער געוואָרען און איז צי געגאַנגען צי אַשענקילע און אַרויס גענימען אַפישקילע און אַרויס גענימען פין פישקילע אַביסעל אזוב און געהייסען דעם אזוב אָבקאָכין און דאָס וואַסער זאָל מען געבען די קינדער צי טרינקען. מען האָט אַזוי געטוהן עטלוכע מאָהל און די קינדער זענען געזינד געוואָרין. דער משמש האָט ציילט אַז עטליכע טעג איידער די חסידים מיט די קינדער זענען צי איהם געקומען איידער דער רבי איז געגאַנגען עסין פלעגט ער ארויס צי נעמען פין דעם פישקילע אביסעל אזוב און האָט געזאָגט דעם פסוק „תחטאנו באזוב ואטהר" און נאָך דעם ווי ער האָט געגעבען אביסעל אזוב פאר די יונגלעך וועגען האָט ער שוין מעהר דעם פסוק ניט געזאָגט זעהט מען אז דער רבי האָט פריער געזעהן וואָס שפעטער וועט זיין ער האָט אַלעס פריהער צי געגרייט זי"ע ועכי"א׳

## אַווּנדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה וָואס עֶס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען נִיט לַאנְג אוּן שְׁטָאדְט מ. וָואס אמֶענְשׁ פוּן דֶער שְׁטָאדְט הָאט דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר אִיז אַלֵיין בֵּיי דֶעם גֶעוֶועזֶען.

אִין שטאָדט מ. האָט געוואָהנט אַ יוּד עֶר האָט געהייסען משה׳לי גלעזער אִיז עֶר שלאַף געוואָרען אויף אַפּיס און איז אַזוי געלעגען עטליכע יאָהר און די דאָקטוירים האָבען איהם מייאש געוועזען זיי האָבען איהם געזאָגט אַז עֶר איז מסוכן ווייל זיין פיס איז געוואָרען בראַנדיג ר״ל אין אַפילו מען זאָל איהם אָבשניידען זיין פיס וועט איהם אויך גאָהר ניט העלפין ווייל זיין גוף איז שון אוף אָהנגעריהרט. עס איז ניט מעגליך געוועזען מיט איהם צו פאָהרען צו אַגרויסען דאָקטאָר ווייל עֶר איז געוועזען אָבגעשוואַכט עֶר האָט ניט געקענט רוהען מיט קיין אבר עֶר האָט קאָם גירעדט עס איז שוועהר געוועזען צו הערען וואָס עֶר רעדט און די דאָקטוירים האָבען געזאָגט אַז עֶר האָט נאָך געציילטע מינוטען צו לעבען (דאָס איז געוועזען פרייטיג וואָס מען האָט שוין גירעכינט אַז אָט שטאַרבט עֶר) מאָנטיג ביי נאַכט האָט עֶר זיך אוף געחאַפט און האָט אוף געוועקט זיין טאָכטער וואָס איז גישלאָפען לעבען איהם און צו איהר געווינקען זי זאָל צוקומען צו איהם ווייל עֶר האָט ניט געקענט הויך ריידען און האָט איהר געזאָגט אַז זי זאָל צוגעהן צו דער טהיר זעהן צו די טהיר איז אָפען זי איז צו געגאַנגען צו דער טהיר אין האָט געזעהן אַז די טהיר איז פערמאַכט איז עֶר נשתנה געוואָרען און האָט זי געהייסען צוריק געהן שלאָפען. הגם איהר שמחה איז געוועזען זייער גרויס דאָס זי האָט זוכה געוועזען צו הערין פון איהם ריידען וואָס שוין עטליכע טעג האָט זי פון איהם ניט גיהערט קיין וואָרט דאָך איז איהר צער גרויס געוועזין ווייל זי האָט ניט פערשטאַנען וואָס עֶר האָט זי געהייסען געהן זעהן צו די טהיר איז אָפען צוליעב דעם האָט זי שון ניט גיקענט שלאָפען:

אִין דער פריה אַזוי ווי עס איז נאָר טאָג געוואָרען האָט עֶר ווייטער צוגערופען זיין טאָכטער און האָט זי געשיקט רופען די גבאים פון ביקור חולים די גבאים זענען אַריין געקומען האָט עֶר זיי צו גערופען און האָט זיי געזאָגט איך האָב געזעהן אין חלום אַז אַזקן שטעהט לעבען מיר עֶר האָט אויס געזעהן אַ איש אלקים אין האָט מיר געזאָגט די זאָלסט וויסען אַז מען האָט דיך געמשפט אין הימעל אין די האָסט געהאַט פיעל מקטריגים מען האָט כמעט דיר אָבגעפסקינט מיתה נאָר איך האָב ממליץ געוועזען אוף דיר אין געלויבט השי״ת אַז עס איז מיר געלונגען אין איך בין דיר געקומען זאָגען ווי אַזוי דיין רפואה זאָל זיין. איך האָב נאָך נעכטין געוואָלט קומען צו דיר נאָר עס איז ביי

דיר

דיר געוועזען אין שטיב אמענש וואס דורך איהם האב איך ניט געקענט צו דיר אריין קומען אין זאלסט וויסען אז דאס וואס די האסט געווינען די ספראווע וואס די האסט געהאט מיט עטליכע יאהר צוריק ערב יום כיפור וועלכעס די ביסט געוועזען אין אגרויס סכנה איז אויך געוועזען צוליעב מיר: דרויך שלאפקייט איז דיר געקומען ווייל די ביזט געוועזען אליין אין מקוה האט דיר אמשחית אהנגערוהרט אין דיין פיס איבער דעם איז דיר דער פיס שלאף געווארען אין די האסט אגליק וואס ער האט דיר נאר אהנגערוהרט אין פיס ווען ער זאל דיר געוועזען אהנרוהרען אין קאפ וואלסט די שוין לאנג געשטארבען. ע"כ זאלטו שיקען רופען די גבאים פין ביקור חולים אין זאלסט זיי בעטען זיי זאלען געהן אין באהד אריין אין דער ברענגין אוואן אין אויב דער בעדער וועט ניט געבען קיין וואן זאלען זיי געהן צים רב אין דער ציילען די גאנצע מעשה אין דער רב זאל הייסען דעם בעדער געבען אוואן אין מען זאל נעמען אין דער אפטייק פאר פינף קאפיקעס עניס קראפליס אין מען זאל בעטען דעם אפטייקער ער זאל געבען אביסעל מעהר ווי זיין שטייגער איז צי געבען כדי עס זאל זיין גענוג. אין מען זאל דיר פין היינט ביז דאנערשטיג מאכין זעקס וואנען אין דער פריה אוואן אין ביינאכט אזוי יעדען טאג. אין דער ערשטער וואן זאל מען אריין טוהן זיבען קראפליס אין דער צווייטער אכט אין דער דריטער ניין יעדען וואן מעהר איין קראפלע אין איידער מען וועט דיך אריין זעצען אין דער וואן אריין זאל מען אהנשעפען פונף פלשליך וואסער אין מען זאל זיי גיט פערמאכען אין מען זאל זיי אריין לייגען אין בעט אריין כדי דאס בעט זאל ניט זיין ליידיג און נאך דעם זאל מען דיך צוריק נעמען אין בעט אריין אין מען זאל אויס גיסען די פלעשלעך וואסער צוריק אין דער וואן אריין נאך דער זעקסטער וואן וועסטו וועהרען געזינד אין זאלסט געהן און מקוה אריין. דאס אלץ האט מיר געזאגט דער זקן איך האב איהם געוואלט קושען נאר ער איז תיקף נעלם געווארין איבער דעם האב איך געהייסען זעהן צו די טיהר איז אפען:

די מעשה איז מפורסים געווארען און שטאדט יעדער איינער האט זיך אויס געלאכט פון דעם בפרט די דאקטורים זיי האבען געזאגט וואס? ער וועט דאנערשטיג געהן אין מקוה אריין מען וועט איהם פריהר לייגען אין דער ערד אריין. די גבאים האבען דאס דערציילט דעם רב הגם ער האט ווינציג געגלייבט און דעם דאך האט ער געהייסען דאס אלעס טוהן און דער בערער האט טאקי ניט געוואלט געבען די וואן נאר דער רב האט איהם געהייסען האט ער געמוזט געבען. בעת מען האט איהם דאס ערשטע מאהל גענימען און דער וואן אריין איז ער געוועזין כמעט אזוי ווי א מת ער האט זיך ניט

ויהטוית

גיקענט רוהרען נאָר עֶס איז איהם אַלע מאָהל בעסער גֶעוואָרען בּיי דער פערטער וואַן איז ער שוין אַליין אַרויס געגאַנגֶען פון דער וואַן דאָנֶערשטיג נאָך דער זעקסטער וואַן איז ער גֶעוואָרֶען גֶעזינד כאחד אדם נאָר און מקוה אַריין איז עֶר נִיט גֶעגאַנגֶען אַזוי ווי דער זקן האָט אִיהם גֶעזאָגט. ווייל עֶר האָט מורא גֶעהאַט פאַר אעין הרע און עד היום האָט עֶר חרטה פאַר וואָס עֶר איז נִיט גֶעגאַנגֶען און מקוה אַריין עֶר שפּיעֶרט נאָך אַבּיסעֶל אַוויִיטיג אויף דעֶם פיס אָבּעֶר ווען עֶר זאָל גֶעוועזֶען געֶהן און מקוה אַריין וואָלט עֶר גֶענצליך גֶעזינד גֶעוואָרֶען. השי״ת זאָל אינץ אויך בּעֶוויזֶען ניסים און זאָל אונץ שיקען דעֶם גואל צדק במהרה בימינו אמן:

# אַשֶׁעהנֶע מַעֲשֶׂה וָואס אַרֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר זֵיינֶע חֲסִידִים כְּדֵי יֶעדֶער מֶענְש זָאל וִויסֶען וִוי אַזוי זִיךְ צִי פִּיהְרֶען:

אִין דעֶר מדינה פא״ס איז גֶעוועֶזעֶן אַקיסר זייעֶר אַשעֶנעֶר מעֶנש אין עֶר עֶר האָט זיך גֶעהאַלטעֶן אין איין ציהרען אין פיצעֶן אין צוליעֶב דעֶם איז עֶר בּיי זיך גֶעוועֶזען זייעֶר גרויס אַז אַלֶע זיינֶע שרים זעֶנעֶן בּיי איהם גאָר נִיט חשוב גֶעוועֶזעֶן אַז זיי פלעֶגעֶן מִיט איהם צו ריידעֶן אודות עניני המדינה האָט עֶר גאָר נִיט גֶעוואָלט העֶרעֶן וואָס זיי ריידעֶן צו איהם אין האָט זיי גאָר נִיט גיעֶנטפעֶרט ווייל זיין זעֶנעֶן בּיי איהם גאָר נִיט חשוב גֶעוועֶזעֶן אין עֶר האָט מִיט קיין שום מעֶנש נִיט גֶעוואָלט ריידעֶן מחמת זיין גאוה נאָר מִיט איין יוד אַחכם פלעֶגט עֶר צו ריידעֶן אין האָט איהם שטאַרק ליעֶב גֶעהאַט. די שרים האָבּין געזעֶהן אַז דעֶר קיסר האָט דעֶם חכם ליעֶב אין מִיט איהם רעֶדט ער זעֶנעֶן זיי אריבּעֶר גֶעגאַנגעֶן צו דעֶם חכם אין איהם גֶעבּעֶטעֶן אין איהם געזאָגט ווייל מִיט דיר ריידט דער קיסר ע״כ איז אויף דיר מוטל די זאָלסט דעֶם קיסר אַבּיסעֶל נידעֶריגעֶר מאַכין ווייל אויב דעֶר קיסעֶר וועֶט זיך אַזוי גרויס האַלטעֶן קעֶן עס ברעֶנגעֶן שאַדעֶן צו דעֶר מדינה אין אויך צו זיין מלוכה. דעֶר חכם האָט זיי צו גֶעזאָגט אַז עֶר וועֶט שוין דאָ זעֶהן עֶפּיס צו טוהן וועֶגעֶן דעם:

דֶעם צווייטעֶן טאָג איז דעֶר חכם גֶעגאַנגעֶן צום קיסר ווי דעֶר קיסר האָט דעֶר זעֶהן דעֶם חכם האָט עֶר שטאַרק גֶעפינעֶן חן בּיי איהם אין די אויגעֶן אין האָט איהם געבּעטעֶן זעֶצעֶן אין האָט איהם גֶעזאָגט איך האָב דיך זייעֶר ליעֶב

אין

אין וואָס די פערלאַנגסט פין מיר וועל איך דיר געבען. האָט דער חכם געזאָגט צים קיסר איך פערלאַנג די זאָלסט מיט מיר אַביסעל אַרויס געהן שפאצירען אויף די פעלדער נאָר עס זאָל קיינער ניט מיט געהן. דער קיסר האָט איהם צילייעב געטוהן אין איז מיט איהם געגאַנגען שפאַצירען און פעלד אַריין. האָט דער חכם געפיהרט דעם קיסר דורך אומריינע ערטער ווען זיי זעגען אַדורך געגאַנגען דורך די אומריינע ערטער האָבען זיי זיך צו געהאַלטען דיא נעז כדי זיי זאָלען ניט שפירען דעם שלעכטין ריח און דער חכם האָט אויס געשפיגען אוף דעם מיסט. דער קיסר האָט גיפרעגט דעם חכם פאַר וואָס ער האָט איהם געפיהרט אויף אַזאַ אומריין אָרט? האָט ער איהם גיענטפערט דער וועג איז דער נענסטער וועג צי צו קומען צו די פעלדער. ווי זיי זענען פערביי געגאַנגען צוואָנציג איילען ווייט פון מיסט האָט זיך דער חכם געמאַכט גלייך ווי מען רופט איהם און איז צוריק געגאַנגען צום דעם מיסט און געמאַכט מיט די הענד גלייך ווי ער רעדט מיט עמיצען דער קיסר האָט גירעכינט אַז ער איז משוגע ווייל ער האָט געזעהן אַז עס רעדט קיינער ניט מיט איהם. ווי דער חכם איז צוריק געקומען צום קיסר האָט איהם דער קיסר גיפרעגט ווער האָט דיך גערופען? און וואָס האָט ער מיט דיר גירעדט? האָט איהם דער חכם מיט אַשוואַך האַרץ גיענטפערט אדוני המלך איך האָב היינט גיהערט אַ זעלכע בזיונות וואָס איך האָב עס נאָך און מיין לעבען ניט גיהערט האָט איהם דער קיסר גיפרעגט ווער האָט זיך דערוואַגט דיך צו זידלען זאָג נאָר מיר וועל איך איהם הייסען דעם קאָפ אראָב נעמען. האָט איהם דער חכם גענטפערט אדוני המלך ניט קיין מענש האָט מיך מבייש געווען. נאָר דאָס מיסט וואָס איך האָב אויף איהם געשפיגין האָט מיך צוריק גערופען און האָט מיר געזאָגט. די מענש בעל גאוה קום נאָר אַהער און מיר וועלין האָבען אוכיח. די ווייסט דאָך אַז איך בין אַמאהל חשוב געוועזין מען האָט מיך גענוצט אויף אַלע גרעסטע ערטער יעדער איינער האָט צו מיר געגלייסט ווער עס האָט מיך גיגעסין האָט מיך שטאַרק געלויבט נאָר ווייל איך בין אַריין געקומען צו דיר אין בוך אַריין בין איך אַזו געוואָרען איך בין געוועזין זיס און בין געוואָרען ביטער ווער האָט דאָס מיר גורם גיוועזין? אַז ניט די מענטש דער מאַן דיך אַז די קומסט אַרויס פין אַטיפה סרוחה אין וואָס וועט פין דיר ווערען? פאַר וואָס האָסטו אויף מיר געשפיגען פאַר וואָס שפייסט די ניט אויף דיר אַליין די דאַרפסט דיך שעהמען די דאַרפסט וויסען אז דאָס אַלעס האָסטו מיר גורם געוועזען אין דאַרפסט וויסען אז פין דיר וועט אויך אזוי ווערען. הערענדיג די רייד בין איך שטארק מבויש געוואָרען ווייל דאָס מיסט האָט מיר געזאָגט איז אַלעס אמת ווי דער קיסר האָט דאָס דער הערט איז ער געוואָרען שטאַרק

נכנע

נכנע איז גֶעוואָרֶען בַּיי זִיךְ שטאַרק נִידֶעריג אַז עֶר האָט שוֹן גִירֶעדט מִיט דֶער נִידֶעריגסטֶען מֶענש :

דִּי שרִים האָבִּין גֶעזֶעהֶן אַז נִידֶעריג זַייעֶר קיסר זאָל זַיין טויג אויף נִיט ווַייל אַז עֶר האַלט זִיךְ נִידֶעריג בַּיי יֶעדֶען מֶענש האָט קַיינֶער פַאר אִיהם נִיט קַיין מורא . ווֶערד דִי מדינה גאָהר אָבגֶעלאָזט וואָס אַיינֶער ווִיל טוהט עֶר האָבִּין זַיי גֶעבֶּעטֶען בַּיי דֶעם חכם אַז עֶר זאָל זֶעהן אַז דֶער קיסר זאָל זִיךְ האַלטֶען אִין מִיטֶעלֶען ווֶעג נִיט צִי גרויס אִין אויךְ נִיט צִי נִידֶעריג . דֶער חכם אִיז גֶעגאַנגֶען צִים קיסר אִין אִיהם גֶעבֶּעטֶען זַיי זאָלֶען ווַייטער גֶעהֶן שפַּאצִירֶען זַיי זֶענֶען ווַייטֶער גֶעגאַנגֶען אויף דֶעם זֶעלבֶען אָרט ווִי זַיי זֶענֶען צִי גֶעקומֶען צִי דֶעם מִיסט זֶענֶען זַיי שוין גֶעגאַנגֶען גֶעלאַסֶען אִין האָבִּין שוין נִיט צִי גֶעהאַלטֶען דִי נֶעז אִין נִיט גֶעשפִּיגֶען דֶער חכם האָט זִיךְ ווַייטער אָב גֶעשטֶעלט בַּיי דֶעם מִיסט אִין האָט ווַייטֶער גֶעמאַכט מִיט דִי הֶענד גלַייךְ ווִי עֶר רֶעדט מִיט עמִיצֶען · האָט אִיהם דֶער קֵייזֶער גִיפרֶעגט וואָס האָט דִיר דאָס מִיסט ווַייטֶער גֶעזאָגט אִיךְ בִּין דאָךְ שוין גֶענוּג נִידֶעריג האָט אִיהם דֶער חכם גֶעזאָגט אַז דאָס מִיסט האָט אִיהם גֶעזאָגט יֶעצט גִיטֶע רַייד ווֶעלכֶעס אִיךְ האָב זִיךְ אַבִּיסֶעל בֶּערוּהִגט דִי מֶענש בִּיסט דאָךְ פאָרט דִי בֶּעסטֶע בריאה פִין דֶער ווֶעלט דִי האָסט דאָךְ אַגִיטֶען שכל מבחין צִי זַיין פִין גוטֶעס בִּיז שלֶעכטֶס דִי דאַרפסט טאַקי ווִיסֶען ווִי ווַייט דִי מדה פִין גאוה ווִי מִיאוס זִי אִיז בַּיי גאָט אוּן דִי אויגֶען בִּיסט דאָךְ אָבֶער פאָרט אַמֶענש דִי דאַרפסט טאַקי רֶעכִינֶען אַז דאָס גאַנצֶע מִיסט אִיז פון דִיר עֶס קוּמט דאָךְ אָבֶער אַרויס אַטוֹבה פון דֶעם מִיסט דורךְ דֶעם מִיסט וואָס מֶען מִיסטִיגט דִי פֶעלדֶער אִין גֶערטנֶער וואַקסֶען נַייֶע פרִישֶע פראָכטען אַזוֹי דִי מֶענש דִי דאַרפסט ווִיסֶען אַז בִּיסט דאָךְ אַמענש האָסט דאָךְ אוּן דִיר מֶעהר מעלות פון אַנדֶערֶע בעלי חיים ע״כ דאַרפסטו דִיךְ פִיהרֶען (בדרךְ האמצע) מִיטֶעל . דֶער קיסר האָט שוין פֶערשטאַנֶען וואָס עֶר מֵיינט אוּן האָט זִיךְ אָהנגֶעהוֹיבֶּען צוּ פִיהרֶען בדרךְ האמצע. פון דֶעם דאַרפֶען מִיר זִיךְ לֶערנֶען אַז אַמענש דאַרף זִיךְ פִיהרֶען בדרךְ האמצע זִיךְ האַלטֶען צוּ גרויס טויג נִיט אָבֶער צוּ נִידרִיג טוינ אויךְ נִיט ווַייל דער יצר הרע קֶען דֶעם מֶענש אַראָב פִיהרֶען פון ווֶעג אוּן אִיהם אַיינרַיידֶען דִי בִּיסט זִינדִיג אוּן ווֶעסט נִיט האָבען יֶענע ווֶעלט לֶעב דִיר חאָטש צוּ אויף דֶער וועלט טוּה וואָס דַיין האַרץ גלִיסט אמת אַמֶענש טאָהר נִיט זאָגֶען אַז ער אִיז אַצדיק אָבֶער זאָגֶען אַז עֶר אִיז אַרשע טאָהר ער אויךְ נִיט ער דאַרף זִיךְ האַלטֶען פאַר אַיין מִיטלֶען מֶענש קַיין רשע אִיז עֶר נִיט גאָר עֶפִּיס מצות האָט עֶר יאָ אוּן וואָס מֶעהר מצות ער ווֶעט טוּהן בֶּעסֶער ווֶעט אִיהם זַיין השי״ת זאָל אונז דֶערלַייכטֶען אִינזֶערֶע אויגֶען מִיר זאָלֶען זֶעהן וואָס אִינז פֶעהלט אוּן מִיר זאָלֶען מתקן זַיין

זײַן וואָס אינץ פעהלט און מיר זאָלען געהאָלפען ווערען בכל טוב אמן :

# אמעשׂה נורא וואס איז פאָרגעקומען אין דער שטאָדט דמשק :

אין דער שטאָדט דמשק איז געוועזען ארב אצדיק אחכם ער איז געוועזען בקי אין אלע שבע חכמות עס איז ניט געוועזען צי איהם דער צווייטער נאָר איין ישמעל (טערק) איז געוועזען אין דמשק וואָס איז אויך געוועזען אחכם בשבע הכמות מיט איין זאך איז דער ישמעל געוועזען גרעסער פון דעם חכם אז ווער עס איז צו געקומען פרעגען וועגען א שלאפען איז ער אריין געגאַנגען אין אבעזינדער חדר אריין און זיך מתבודד געוועזען אהאלבע שעה און איז ארויס געקומען מיט תשובה צו ער וועט ווערען געזינד צו ניין און האָט פונקטליך געטראָפען (אזוי ווי דער תנא ר׳ חנינא בן דוסא) דער רב דער חכם איז עס געוועזען אוואונדער ער האָט צו זיך געזאָגט היתכן דער ישמעל זאָל גיכער וויסען פון מיר. פאר איהם זאָל מען מגלה זיין די ספרי חיים וספרי מתים און פאר מיר ניט איז ער דען הייליגער פון מיר· דער רב האָט פון דעם גרויס צער געהאַט. ער האָט געטראַכט עצות ווי אזוי ער זאָל אריין קומען צו דעם ישמעל און ער זאָל זיך בעקענען מיט דעם ישמעל כדי ער זאָל זיך קענען ביי איהם אויס לערנען די חכמה. דער רב האָט צו זיך גערופען דעם פרנס העיר (דעם ראש הקהל) און איהם געשיקט צים ישמעל ער זאָל איהם זאָגען אז דער רב וויל צו איהם קומען צו ער גיט איהם רשות צו קומען ווייל דער ישמעל איז געוועזען אגרויס שר ניט יעדער האָט געקענט צו איהם צו קומען אלע גרעסטע שרים פלעגען זיך צו לאָזען קאָסטען אסך געלד כדי זיי זאָלען קענען איהם זעהן און הערען פון איהם אגיט וואָרט אברכה. דער פרנס העיר איז אריבער געגאנגען צים ישמעל און איהם געזאָגט אז דער רב וויל צו אידם קומען זיך מיט אידם זעהן. האָט דער ישמעל איהם גיענטפערט איך האָב טאקי גיהערט דאָס אייער רב איז אגרויסער חכם איך וואָלט זיך טאקי געוואָלט מיט איהם זעהן ע״כ געה צים רב און זאָג איהם אז איך בעט איהם אז ער זאָל תיכף קומען· דער פרנס העיר איז געגאנגען צים רב און האָט איהם געזאָגט די תשובה פון ישמעל דער רב האָט זיך זייער געפרייט. און איז גלייך נעגאַנגען צים ישמעל

וויא

ווי דער ישמעל האט איהם דערזעהן האט ער איהם זייער שעהן אויף גענומען און איהם געבעטען זעצין און האבען צווישען זיך געשמיסט פון פערשידינע זאכען. צווישען דעם שמיסען האט דער ישמעל געפרעגט דעם רב צו ער האט אידועה און דער חכמה דער רב האט איהם געענטפערט יא. נאך דעם האט ער איהם געפרעגט צו ער האט אידועה און אצווייטע חכמה און אדריטע און אזוי און פיעל חכמות ער האט איהם אלעס געענטפערט יא. דער ישמעל האט איהם געפריווט אין פיעל חכמות און ער האט געזעהן אז ער איז נאך מעהר חכם פון איהם האט ער געזאגט צום רב זאלסט וויסען אז די האסט מיך דערפרייט מיט דיין קליגשאפט ע״כ בעט איך דיך אז לכל הפחות איין מאהל און דער וואך זאלסטו צו מיר קומען און האט איהם בעגלייט פון זיין שטיב ארויס מיט כבוד גדול אין דער רב איז זייער צופרידען געוועזען פון זיין פערלאנג ווייל אז ער וועט ווערין מיט איהם בעקאנט וועט ער קענען ביי איהם לערנען די חכמה וואס ער איז שוין לאנג משתוקק זי צו קענען:

עם איז פערביי געגאנגען צוויי טעג דער ישמעל האט זייער געוואלט זיך זעהן מיט דעם רב. ער האט געשיקט צוויי שלוחים צו דעם רב און איהם געבעטען אז ער זאל צו איהם קומען דער רב איז צו איהם געגאנגען דער ישמעל האט געפרעגט דעם רב אויף איין חכמה צו ער קען זי האט ער איהם געזאגט אז ער קען זי זייער גוט איז דער שר געפאלען דעם רב צו די פיס און איהם געבעטען אז ער זאל איהם אויסלערנען די חכמה. האט דער רב געענטפערט אדוני השר זאלסט וויסען אז מיך האבען די חכמות געקאסט אויסלערנען זייער אסך געלד ע״כ וויל איך דיך ניט בחנם אוסלערנען. האט דער שר געזאגט צום רב וויפיעל די ווילסט וועל איך דיר געבען און לערען מיך אויס די חכמה האט דער רב געזאגט צום שר קיין געלד וויל איך ניט נאר אויב די וועסט מיך אויסלערנען אצווייטע חכמה וואס איך ווייס זי ניט וועל איך דיך אויסלערנען די חכמה. האט אים דער שר געפרעגט ווי איז פערהאנען אחכמה וואס איך ווייס זי און די ניט. איך זעה דאך אז די בייסט אמושלם בכל החכמות. האט איהם דער רב געענטפערט די חכמה צו וויסען צו דער שלאפער וועט בלייבען לעבען צו ניט דאס ווייס איך ניט און אויב די וועסט זי מיך אויס לערנען וועל איך דיך די חכמה וואס די ווייסט זי ניט אוסלערנען. האט איהם דער שר גיענטפערט עס איז אשווערע זאך איך קען די חכמה ניט מגלה זיין פאר קיין שום מענש איך בין בעשוואהרען פין מיינע עלטערין איך זאל די חכמה ניט מגלה זיין פאר קיין שום מענש. האט דער רב איהם געענטפערט איך בין אויך בעשוואהרען פין מיינע עלטערין איך זאל די חכמה פאר קיין שום מענש ניט מגלה זיין נאר ווייל עס איז דאך

פאר

פאַר מיין טובה וועגען כדי איך זאָל זיך אויס לערנען אַצווייטע חכמה מעג איך זיכער. ע״כ מעגסטו די אוף מיך אוסלערנען ווייל די פערקופסט דאָך עס ניט פאַר קיין געלד נאָר פאַר אַצווייטע חכמה. האָט איהם דער שר ניענטפערט איך בעשטעה נאָר עס איז פאַר דיר אַשוועהרע זאַך האָב איך מורא אַז די וועסט עס ניט קענען אויס האַלטען. האָס איהם דער רב גיענטפערט איך נעם אויף מיר אַלעס כדי איך זאָל קענין די חכמה. האָט איהם דער שר געזאָגט גיעה יעצט אַהיים און זאָלסט פאַסטען צווי טעג פון היינט בייַנאַכט אָהן און פאַר נאַכט זאָלסטו ניט עסין קיין פלייש און ניט טרינקען קיין ווין נאָך דעם עסין זאָלסטו די דיך טובל זיין און זאָלסט דיר אָהנטוהן ריינע מלבושים און די צווייטעג פון תענית זאָלסטו די דיך יעדען טאָג טובל זיין און דער פריה און פאַר נאַכט און זאָלסט תשובה טוהן:

דער רב האָט דערהערט די רייד איז ער שטאַרק נתפעל געוואָרען און האָט געזאָגט צום שר איך נעם אויף מיר צו טוהן אַלעס וואָס די האָסט מיך געהייסען. האָט איהם דער שר געזאָגט גיעה יעצט אַהיים און טוה אַלעס און דריטען טאָג זאָלסטו צו מיר קומען וועל איך דיך אויסלערנען דעם סוד. דער רב איז אַהיים געגאַנגען און האָט אַלעס געטוהן וואָס דער שר האָט איהם געהייסען. אויף דעם דריטען טאָג איז ער געקומען צום שר דער שר האָט זיך מיט איהם שטאַרק דער פרייד און האָט איהם געזאָגט איך דערקען און דיר אַז די האָסט אַלעס געטון וואָס איך האָב דיך געהייסען האָט איהם דער רב געזאָגט איך בין נאָך יעצט אויך בתענית האָט איהם דער שר געזאָגט די האָסט גלייך געטוהן. יעצט קום מיט מיר וועל איך דיר ווייזען דעם סוד זיי זענען אַריין געגאַנגען און אַחדר אַריין (וואָס דאָס חדר איז שטענדיג געוועזין פערשלאָסען און דעם שליסעל פון חדר האָט ער קיינמאָהל ניט איבער געגעבען עמיצען נאָר ער האָט איהם אַליין געהאַלטען) און האָט צוריק פערשלאָסען די טהיר פון דעם חדר זענען זיי אַרוס געגאַנגען און אַגאָרטין אַריין און מיטען דיעם גאָרטען איז געוועזען אַטייך לעבען דעם טייך איז גילעגען צווייערליי מלבושים דייר שר האָט געזאָגט צים רב מיר דאַרפען זיך טובל זיין איידער מיר געהען אַריין אין אַזאַ הייליג אָרט אַריין נאָך דער טבילה האָבען זיי זיך אָהנגעטוהן די מלבושים וואָס זענען גילעגען אָהנגעגרייט פער זייערט וועגען אין זענען צי געגאַנגען ביז צים עק גאָרטען דאָרט איז געשטאַנען זייער אַשעהן הויז מיט זילבערינע טהירען ווי דער שר האָט געוואָלט עפינען די טהיר האָט ער געזאָגט צים רב זאָלסט זיין נזהר אַריין צי געהן אין דער שטיב אַריין באימה וביראָה זאָלסט טוהן אַלעס וואָס איך וועל טוהן דער שר האָט גיעפענט אַ טהיר האָט דער רב דערזעהן די שטיב אַז זי איז זייער שעהן. קייגען דער טהיר שטעהט אַ אָרון זייער אַשעהנער אויף דער אָרון העגנט אַ פרוכת זייער

שטהז

שעהן אויס געהאָפטען מיט דימאַנטען אין ברילאַנטען. דער שר איז אַריין געגאַנגען אין שטיב אַריין מיט גרויס ציטערניש אין האָט זיך געביקט זיבען מאָהל קייגען דעם היכל. דער רב האָט שטאַרק מורא געהאַט אפשר שטעהט אין דעם ארון אַצלם. אין ער מוז דאָך טוהן וואָס דער שר טיהט ווי אַזוי זאָל ער זיך ביקען צו אַצלם האָט ער צו געמאַכט די אויגען ער זאָל ניט זעהן צו וואָס ער ביקט זיך אין געזאָגט שויתי ד׳ לנגדי תמיד ד״ה איך שטעל זיך פאָהר דער שם הו״י ב״ה פאַר מיינע אויגען ממילא ביק איך זיך צו גאָט ב״ה. ווי זיי זענען צו געקומען לעבען אָרון האָט דער שר געזאָגט דעם רב מיט אַשטיל קול מיט גרויס אימה ופחד געה עפין אויף דעם אָרון אין דאָרט וועסטו געפינען דיין בקשה דער רב האָט גיעפענט די טהיר פין אָרון וועלכעס זי איז געוועזען פין ריין גאָלד מיט ברילאנטען אין דעם אָרון איז געשטאַנען אַטאָוועל אוף דער טאָוועל איז געוועזען אויף געצייכענט דאָס געשטאַלט פין דער מנורה אין פין אויבען אין געשטאַנען אויף געשריבען מיט גרויסע אותיות דער רב האָט דאָס דערזעהן האָט ער זיך שטאַרק גיפרייד אז ער האָט זיך טאַקע געביקט צים שם הו״י אין איז צוריק געגאַנגען אין זיך געביקט אין זענען אַרויס געגאַנגען :

**דָהאט** דער רב געזאָגט צים שר די האָסט מיר געזאָגט אַז דאָ וועל איך געפינען מיין בקשה צים סוף ווייס איך נאָך גאָר ניט. האָט דער שר געזאָגט צים רב די זאָלסט ווייסען די גרויסע אותיות וואָס די האָסט געזעהן איז דער נאָמען פין גאָט וואָס ער האָט בעשאַפען הימעל אין ערד (דער שר האָט געמיינט אַז דאָס ווייסט קיינער ניט נאָר ער און אַז מען קומט צו מיר איך זאָל מתפלל זיין פאַר אַשלאַפען וועגען בין איך זיך טובל און געה אַריין און דער שטיב אַריין אין בין מתפלל באימה וביראָה נאָך דער תפלה עפין איך אויף דעם אָרון און קיק אויף די אותיות לייכטען ווייס איך אַז מיין תפלה איז אָהנגענומען געוואָרען און אוב די אותיות זענען טינקיל ווייס איך אַז דער שלאַפער וועט שטאַרבען :

**דָער** רב איז אַהיים געגאַנגען און האָט אָהנגעהויבען שטאַרק צו וויינען און האָט געזאָגט וועה איז צו מיר וואָס פאַר אַענטפער וועל איך האָבען אויף יענער וועלט אַז אַגוי וואָס ער ווייסט ניט דאָס גרויסטייט פון גאָט ב״ה גאָר ווייל ער ווייסט אַז ער האָט בעשאַפען דיא וועלט גיט ער אָב כבוד גאָט און בשעת ער געהט אַריין און שטיב אַריין געהט ער אַריין מיט אימה ופחד און דורך דעם האָט ער זוכה געוועזין צו דעם גאַנצען כבוד. מיר יודען ווייסען דאָך יאָ ווי גרויס גאָט ב״ה איז וואָס פאַר אַ פערענטפער וועלין מיר האָבען מיר דאַרפען דאָך נאָך מעהר כבוד אָבגעבען גאָט ב״ה און מעהר מורא האָבין פאַר השי״ת מיר זאָלען זוכה זיין עס זאָל אינץ מקוים ווערען דער פסק „ומלאה הארץ

הארץ דעה" מיר זאָלען שוין וויסען ווי וויַיט מיר דאַרפֿען מורא האָבען פֿאַר גאָט ב"ה און מיר זאָלען זוכה זיין צו אַגאולה שלימה בקרב אמן :

## אַיבּוּהַ וָואס יוּדֶען הָאבֶּען גֶעהַאט מִיט אַגַלָח און דֶער מְדִינָה תּוּרגְמָא פַאר דֶעם מֶלֶךְ הַיָשָר סוּלְטַאן שְלִים .

אין דער מדינה תורגמאָ בזמן המלך סולטאַן שלים דער אוהב היהודים. נאָר די שרים און דער גאַנצער קעניגליכער הויף . זענען געוועזין שנאי יהודים בפרט דער גלח זייערער איז געוועזען אַגרויסער צורר היהודים. ווען זיי זענען זיך צוזאַמען געקומען צום קיסר האָבען זיי אַלץ נאָר גירעדט שלעכטס אויף יודען בפרט דער גלח ער איז שטענדיג געוועזען אַשטן און גירעדט שלעכטס אויף די יודען . דער קיסר האָט זיי אָבגיזוענד און האָט זיי ניט געוואָלט פֿאָלגען . דער גלח האָט זיך אַעצה געגעבען און האָט מיט כישוף אַראָב גיבראַכט איין פייער בעת אַלע גוים זענען געוועזין בבית תפילתם און ער איז געשטאַנען און געדרשנת איז אַראָב געקומען אַרום איהם פון אַלע זייטען אַפייער און ער איז געשטאַנען און מיטען פייער איז יעדען איינעם געוועזען אַווינדער דאָס ער שטעהט און מיטען פייער און שאַדט איהם גאָהר ניט אַביסעל שפעטער איז ער אַנידער געפאַלען אויף דער ערד און האָט זיך געמאַכט גלייך ווי ער חלשת מען האָט איהם קוים דערמינטערט און עטליכע מינוט אַרום האָט ער אָהנגעהויבין צו שרייען צום המון און זיי געזאָגט איהר האָט געזעהן וואָס מיר איז היינט פאָרגעקומען איך בין כמעט געשטאָרבען פון שרעק איך בין געשטאַנען און מיטען פייער יעדער רגע האָב איך געמיינט אַז איך ווער פערברענט האָבען זיי איהם גיענטפערט אמת מיר האָבען אַלעס געזעהן :

האָט דער גלח זיי געזאָגט איהר ווייסט ווער דאָס פייער איז געוועזין דאָס איז געוועזען דער מלאך גבריאל ער איז אַראָב געקומען צו מיר מיט איין פייער פון הימעל און האָט מיר געזאָגט אַז איך זאָל זאָגען דעם קיסר אַז ער זאָל צוזאַמען רופען אַלע יודען פון זיין מדינה און זאָל זיי צווינגען זיי זאָלען זיך טויפען . אויב דער קיסר וועט ניט וועלען פאָלגען זאָל ער וויסען אַז און זעכציג טעג אַרום וועט גאָט חרוב מאַכין זיין גאַנצע מדינה גלייך ווי אין סדום :

ווי

ווי דער המון האָט דערהערט די רייד האָבין זיי איהם געגלויבט אין עס האָט זיך אין זיי אָהנגעצינדען אַשנאָה אויף די יודען אין די אַלע גרעסטע לייר האָבין זיך איינגעזאַמעלט אויף איין אָרט צי טראַכטען אַ עצה ווי אַזוי איבען צי ביינגען דעם קיסר אַז ער זאָל מקיים זיין די רייד ווייל זיי האָבין פערשטאַנען אַז דער קיסר וועט זיי ניט גלייבען · זיי האָבין זיך מיישב געוועזען אַז זיי זאָלען געהן צים קיסר אין איהם דער ציילען וואָס זייא האָבין אַליין געזעהן אויב ער וועט זיי גלייבען איז גוט אין אויב ניט זאָלען זיי אין איהם מורד זיין אין טוהן מיט די יודען אַזוי ווי זיי וועט גיפעלין אָהן דעם קייסר׳ס רשות. זיי האָבען אַזוי געטוהן אין זענען געגאַנגען צים קיסר אין האָבין איהם אַלעס דער ציילט וואָס זיי האָבין אַליין געזעהן אין האָבען איהם געזאָגט . אויב די ביסט מסכים דער צי זענען מיר גרייט דיך צי פאָלגען אין אויב ניט וועלען מיר אַליין טוהן אין זיך נוקם זיין אין די יודען אויב זיי וועלען זיך ניט וועלען טופען ווייל מיר זענען אַלע איינגישטעלט מיט איינזער לעבען :

דער קיסר האָט גיהערט זייערע רייד ער האָט פערשטאַנען זייער כוונה נאָר ער האָט אָבער געזעהן אַז ער וועט ניט זיי פאָלגען וועט זיין שלעכט ער וועט מיט זיי גאָר ניט מאַכין . האָט ער זיי געזאָגט צי צווינגען אַגאַנצע אומה אַזוי געך קען מען ניט. אַזאָ זאַך מוז מען טוהן מיט ישוב הדעת עס איז ניט קיין לייכטע זאַך איבער צי ביינגען אַגאַנצע אומה פון זייער דת אָדער זיי אויס צי הרגנען מיר גיפעלט מען זאָל אַרויס געבען אבעפעהל אוף מיין גאנצע מדינה אז אלע שרי המלוכה אין אויך אלע גדולי ישראל זאָלען זיך צי זאמען קומען צייט צעהן טעג אין מיר וועלען אלע זיך איין זאמלען אויף איין גרויסע זיצונג אין איין שטיב אריין און דאָרט וועלין מיר האָבען אַויכוח מיט די יודען און מיר וועלין זיי דערציילען וואָס איהר האָט דאָ געזעהן וועלין מיר זעהן וואָס זיי וועלין ענטפערין די עצה איז זיי געפעלין מען האָט אַזוי געטוהן מען האָט גישריבין בריף און אַלע שרים פון זיין מדינה און אַלע גדולי ישראל זאָלען זיך צו זאַמען קומען צייט צעהן טעג אויף אַ פערזאַמלונג. דערווייל האָט דער קיסר געשיקט רופען בסוד די גדולי ישראל פון זיין שטאָדט און זיי דערציילט די גאַנצע מעשה אין וואָס זיי רעכינען צו טוהן און וואָס ער האָט זיי מדחה געוועזען מיט זיין עצה איבער דעם זאָג איך אייך אַז ווען איהר וועט קומען אויף דעם פערזאַמלונג און איהר וועט הערין זייערע רייד קענט איהר אייך האַלטען גאַנץ רוהיג און איהר קענט זיי ענטפערין מיט שטאָלץ אַלעס וואָס איהר ווייסט און איהר זאָלט פאַר זיי גאָר ניט מורא האָבען ווייל איך וועל אייך זיין צוהילף די יודען האָבען זייער געדאַנקט פאַר זיין גוטעס האַרץ

און איהם געווינשען אַז ער זאָל מאַריך ימים זיין אויף זיין מלוכה שטיהל בזכות וואָס ער האָט רחמנות אויף יודען און האָבען זיך גענייגט און אַהיים געגאַנגען:

עס איז געקומען דער צעהנטער טאָג האָבין זיך אַלע גדולי ישראל אין די שרי המלוכה זיך צו זאַמען געקומען אויף דעם פערזאַמלונג מען האָט דערציילט פאַר די יודען דאָס אַלעס וואָס זיי האָבין דאָ געזעהן און זייער בית התפלה ווי אַפייער איז אַראָב געקומען פון הימעל צו זייער גלח און איז ניט פערברענט געוואָרען און די רייד וואָס דער מלאך גבריאל האָט איהם געזאָגט. ע"כ דאַרפט איהר יודען זיך טויפען וועט אייך גוט זיין אויף דער וועלט איהר וועט זיין שרים ונכבדים גלייך מיט אינך. און הערשט אויף יענער וועלט איהר וועט זיין און לעכטיגען גן עדן גלייך מיט אינך און אויב איהר וועט אינך ניט פאָלגען וועלען מיר אייך מוזען אויס האַרגענען ווייל דורך אייך דאַרפען מיר ניט פעלאָהרען ווערען. האָבען די גדולי ישראל געענטפערט מיר ווינדערין זיך אויף אייך, איהר זענט קליגע מענשען און איהר זאָלט גלייבען אַ זעלכע נאַריסקייטען שקרים און ליגענט. דער גלח האָט דאָס אַלעס געטוהן מיט כישוף איהר ווייסט דאָך אַז ער איז אינך פון לאַנג אַשונא א אומזוסטיגער שונא מיר האָבען זיך עס ניט פערדינט מיר ווייסען גאָר ניט וואָס מיר האָבען אקייגען איהם אזוי געזינדיגט ער זאָל זיין אַזא שונא ער רעדט שטענדיג אויף אינך שלעכטס נאָר ווייל אינזער גאָט פערלאָזט אינך ניט ער האָט ניט דער לאָזט דאָס דער קיסר זאָל הערען זיינע רייד איהר ווייסט שוין פון לאַנג אז ער איז אשקרן ארמאי און ער זוכט נאָר ער זאָל זיין שלעכטע כוונה ארויס ברענגען בפועל און ווייל ער זעהט אז ער מאכט גאָר ניט ביי דעם קיסר האָט ער געמאכט מיט כישוף און האָט אייך פערבלענד אייערע אויגען ווייל ער ווייסט אז איהר גלייבט אין איהם ער האָט דאָס געטוהן כדי אָהנצעצינדען אין אייערע הערצער אַפייער און מען זאָל אום־ברענגען אום־שולדיגע נפשות אָבער מיר גלייבען ניט אין זיינע ליגעניט עס איז נאָר בלויז אַכישוף אַ פער בלענדיניש:

ווי דער המון האָט דערהערט די יודענס ענטפער און ווי זיי האָבען מבזה געוועזען זייער גלח פאַר דעם גאַנצען פאָבליק, האָט זיי די זאַך שטאַרק פערדראָסן און די רציחה האָט זיך אין זיי אָהנגעצינדען און זיי האָבען תיכף זיך געוואָלט נוקם זיין אין די יודען, דער גלח האָט געזעהן ווי דער המון איז געוואָרין אָהנגעצינדען צוליעב איהם ווייל מען האָט איהם מבזה געוועזען, האָט ער געזאָגט צום המון מיינע ברודער איהר דאַרפט אייך ניט קריגען מיט די יודען ווייל מיר קענען שוין זיי פון לאַנג אַז זיי זענען אַ עם קשי עורף ניט אַזוי גיך גלייבען זיי, אַפילו זייער רבי'ן

משה

משה וואָס האָט זיי אויסגעצויגען פון מצרים און האָט זיי געשפּאַלטען דעם ים און האָט געטוהן כמה וכמה ניסים ונפלאות און האָבען און איהם אַזוי גיך ניט געגלייבט וויפיעהל מאָהל האָבען זיי זיך מיט איהם געקריגט נאָך פיהל מוה האָבען זיי און איהם געגלויבט ע״כ זאָל אייך ניט פערדריסען אויף זיי וואָס זיי שטעלין זיך אַקייגען לאָזט מיך האָבען מיט זיי אַויכוח און איהר שווייגט וועלין מיר זעהן ווער עס וועט מנצח זיין :

דער גלח האָט זיך אויס געדרייט צו די יודען און האָט צו זיי געזאָגט מיינע קונדער פאר וואָס ווילט איהר מיר ניט גלייבען און דער גאנצער נביאה וואָס דער מלאך מיכאל האָט זיך צו מיר בעוויזען אזוי ווי דער גאנצער המון זאָגט אייך עדות אז זיי האָבען עס אַליין געזעהן מיט זייערע אוגען וואָס פאר אחילוק איז פון מיר ביז אייער רביין משה וואָס איהר האָט און איהם ניט געגלייבט ביז ער האָט אייך געוויזען אותות ומופסים ניסים ונפלאות האָט איהר איהם הערשט געגלייבט איך האָב דאָך אויך בעוויזען אַזאַ גרויסען אות ומופת עס האָט מיך אַרום געריגגעלט אַפייער און בין ניט פערברענט געוואָרין דאַרף מען האָבען אַגרעסער מופת פון דעם ? האָבען איהם די יודען גיענטפערט אָבער די ביסט דאָך אַליין מודה אַז מיר זענען אעם קשה עורף מיר גלייבען ניט אַזוי גיך אַפילו און משה׳ן האָבען מיר ניט געגלייבט ביז ער האָט אינז געוויזען כמה ניסים ונפלאות . אָבער איין זאַך האָסטו פערגעסין וואָס משה האָט געטוהן וואָס דאָס קען קיין שום בן אדם קען דאָס ניט טוהן נאָך דעם האָבין מיר הערשט און איהם געגלייבט . האָט ער זיי גיפרעגט וואָס איז די זאַך וואָס משה האָט דאָס געטוהן אפשר וועל איך אויך עס קענען טוהן ? האָבען איהם די יודען גיענטפערט . משה איז אויף געגאַנגען און הימעל אַריין און איז דאָרט געוועזין פערציג נעכט און פערציג טעג און האָט ניט גיגעסין און ניט געטרינקען און האָט אינז אַראָב געבּרענגט אתורה . ע״כ אויב עס וועט זיך געפינען אַמענש וואָס ער וועט ווייזען אַז ער וועט פאַסטען פערציג טעג וועלין מיר איהם גלייבען און מיר וועלין טוהן וואָס ער וועט אינץ הייסען :

האָט דער גלח גיענטפערט די יודען איך קען אויך אַזוי טוהן איך נעם זיך אונטער צו פאַסטען פערציג טעג און פערציג נעכט איך זאָל גאָר ניט עסין און ניט טרונקען אָבער דאַמאָלסט וועט איהר מיר שוין גלייבען ? האָבין איהם די יודען גיענטפערט אויב אַזוי די וועסט דאָס בעווייזען וועלען מיר דיך פאָלגען וואָס די וועסט אונז הייסען. ווי דער קיסר מיט די שרים האָבען דערהערט דעם אָבמאַך וואָס די יודען האָבין אָבגעמאַכט מיט דעם גלח האָבין ווי זיך שטאַרק געפרייט דער קיסר האָט געהייסען שרייבען צוויי קוויטלין אַז דער גלח נעמט זיך אונטער צו פאַסטען פערציג מעת לעת און אויב ער

וועט

וועט אויסהאלטען מוזען די יודען זיך טויפען אין אויב זיי וועלען זיך ניט וועלען טויפען מעג מען מיט זיי טוהן וואס מען וועט וועלען. אין אויב דער גלח וועט ניט אוס האלטען די פערציג טעג איז א סימן אז דער גלח איז אשקרן אין זיינע רייד זענען שקר אין עס איז נאר געוועזען מעשה כישוף אין די יודען זענען ערליך אין פריי צי פיהרען זייער אמונה אין די יודען מיט דעם גלח האבין זיך אויף די קוויטליך גיחתמת אין איין קוויטיל האט מען געגעבען די יודען אין דאס צווייטע האט דער קיסר צי גענימען דער קיסר האט געהייסען אויף בויען אשטיב לעבען זיין פאלאץ פאר דעם גלח׳ס וועגען אין האט געזאגט צים גלח אז ער זאל זיך צי גרייטען ארייין צי געהן אין דעם חדר אריין אין מען זאל איהם דארט פערשליסען אין ער זאל דארט זיצען אליין גאנצע פערציג טעג מען האט פארטיג געמאכט דאס שטיבעל האט דער קיסר געשיקט נאך איהם ער איז אריין געגאנגען אין שטיבעל אריין בכבוד גדול ער האט ביי זיך געטראכט אז ווען ער וועט ארויס געהן פין שטיבעל ארויס נאך פערציג טעג וועט ער איבער נעמען די מלוכה אין דער קיסר האט אנידער גישטעלט שומרים פין זיין מיליטער אין אויך פין יודען כדי עס זאל איהם קיינער ניט צי ברענגען קיין עסין:

**דער** גלח האט זיך אהנגעגרייט מיט צו נעמין אגרויס וואקסען ליכט די גרעב האט עס געהאלטען אהאלבע אייל און ער האט אהנגעזאגט זיינע משרתים אז זיי זאלען איהם מיט נעמען דאס ליכט מיט ביכער ער זאל האבען וואס צו לייענען די גאנצע פערציג טעג וואס ער וועט דארט זיין פערשלאסען די שומרים האבען איהם בעזיכט בשעת זיין אריין געהן און האבען געזעהן אז ער נעמט זיך גאר ניט מיט קיין שום עסין און ניט קיין טרינקען נאר דאס וואקסען ליכט צו לייכטען מיט די ביכער און איין היטעל און איין טישעל און אשטוהל און מען האט דאס שטיבעל פערשלאסען און פערחתמיט מיט דעם קיסרס חתימה. עס איז פערביי געגאנגען עטליכע טעג די שומרים האבען זיך צו גערוקט נאהנט צום שטיבעל האבען זיי גיהערט ווי ער זאגט זיך זיי תפלה גאנץ הויך עס איז פערביי געגאנגען צוואנציג טעג ער האט אלץ געזאגט זיין תפלה מיט אהויך קול גלייך ווי דעם ערשטען טאג די יודישע שומרים האבען פון דעם געהאט גרויס עגמת נפש זיי האבען געזעהן אז ער לעבט נאך האבען זיי דאך געזעהן אז ער וועט אויס האלטען די גאנצע טעג האבען זיי דאך שוין געוויסט וואס אויף זיי ווארט אז זיי וועלין ח״ו קיין תקומה ניט האבען אמת זיי האבען געגלייבט אז דאס איז ניט קיין געטליכע זאך נאר אפילו דאס אכישוף איז דאך אויך שלעכט האבען זיי די זאך מודיע געוועזין דעם רב. דער רב האט תיכף צוזאמען גערופען אלע יודען און מען האט גוזר תענות געוועזין און מען האט געזאגט סליחות און געבעטען צי

צו השי״ת ער זאָל דאָס טוהן פאַר זיין הייליגען נאָמען וועגען און ער זאָל מיט זיי ניסים טוהן אַז דעם גלח׳ס שקר זאָל אַרויס געוויזען ווערען און די יודען זאָלען ח״ו ניט פערלאָרען ווערען:

באַלד האָט צו געהערט זייער געבעט דער קיסר האָט אויף אַלע מאָהל גיפרעגט וואָס מען הערט צו דער גלח לעבט נאָך און דער קיסר האָט געגלייבט אַז ער וועט אויס האַלטען די פערציג טעג וייל אַז ער האָט שוין אַזוי לאַנג אויס געהאַלטען וועט ער ווייטער אויך אויס האַלטען ער האָט געגלייבט אַז עס איז מעשה כשפים נאָר דאָס קען מען דאָך ניט אוס וויזען. ער האָט רחמנות געהאַט אויף די יודען און האָט אויך מורא געהאַט פאַר זיך ער זאָל איהם ניט צו נעמען די מלוכה. דאָס פאָלק וועט איהם האַלטען פאַר אַ גאָט און וועלין זיכער איהם מאַכען פאַר אקיסר. האָט דער קיסר ביי זיך געטראַכט א מענש זאָל לעבען פערציג טעג אָהן עסין איז ניט מעגליך עס מוז דאָרט עפיס זיין ער מוז אַליין גיהן און זעהן וואָס דאָרט איז. ער איז געגאַנגען עטליכע מאָהל און האָט גיהערט ווי ער זאָגט זיין תפלה מיט אַהויך קול ווי שטענדיג. דער קיסר איז אַהיים געגאַנגען טרויעריג. אַמאָהל איז דעם קיסר איינגעפאַלען שפעט בייננאַכט צו צי גיהן הערין און מיט געגומען אַ עגבויר און איז צו געגאַנגען שטילערהייט אַלע שומרים זענען שוין געשלאָפען און האָט אויסגעבויערט אַלאָך און דער טהיר און האָט געזעהן ווי דער גלח האָט א טיהראַלע און דעם גראָבען וואַקסען ליכט און האָט ארוס גענימען אַפלעשילע און האָט אַביסעל פון דעם פלעשיל געטרינקען און האָט עס צוריק פערמאַכט און צוריק אַריין גישטעלט און ליכט אריין. נאָך דעם האָט ער פון אצווייטע זייט ווייטער ארויס גענימען אַפלעשעל און אויך געטרינקען און צוריק גישטעלט נאָך דעם האָט ער זיך געלייגט שלאָפען. האָט דער קיסר ביי זיך געטראַכט יעצט ווייס איך שוין פאַר וואָס ער איז אַזוי געזינד דער קיסר איז זיך אַהיים גיגאַנגען, די צווייטע נאַכט איז ער ווייטער געגאַנגען און געזעהן דאָס זעלבע וואָס נעכטען און דער פריה האָט ער געשיקט רופען די יודען און האָט זיי געזאָגט איהר זאָלט גאָהר ניט מורא האָבען אייער גאָט איז מיט אייך. און האָט זיי דערציילט אלעס וואָס ער האָט געזעהן אין די צוויי נעכט און האָט זיי געזאָגט ווען עס וועט זיך ענדיגען די פערציג טעג וועט ער דאָך קומען צו מיר וועל איך שוין זעהן אז זיין שקר זאָל נתגלה ווערין. די יודען האָבין געדאנקט דעם קיסר און זענען זיך אַהיים געגאַנגען:

עס האָבין זיך געקאָנטשעט די פערציג טעג דער גלח איז אַרוס געגאַנגען געזינד דער המון האָט זיך געפרייט זיי וועלען זיך יעצט קענען נוקם זיין אין די יודען יעדער איינער האָט זיך אָהנגעגרייט איינער האָט זיך געשאַרפט זיין שווערד איינער אַ מעסער איינער אַ האַק איינער האָט אָהנגעגרייט האָלץ ער

זאָל

זאל פערברענגען די יודעשע הייזער פין אלע שטעדט זענען זיך צו זאממען געקומען זיי זאלען זיין גרייט בשעת דער גלח וועט ארויס געהן פין שטיבעל ארויס. אין די אלע שרים אין זייערע זאלנער רייטער מען האט געמאכט אגרויסען פאראד מען האט בעדעקט די טוהרען אין פענצטער מיט זיידענווארינ אויף די גאסען וואס דער גלח האט בעדארפען אדורך געהן האט מען אויס גיבעט מיט דיוואנעס דאס מיליטער איז געשטאנען אויס גישטעלט אין ארדינונג מיט אלע מינים כלי שיר מען האט געמאכט פער דער גלחיס וועגען איין חשוב מלבוש מען זאל איהם אהנטוהן מען האט גיעפענט דאס שטיבעל אין די אלע שרים האבען זיך צי איהם געביקט אין ער האט ביי זיך געטראכט יעצט וועל איך ווערען קיסר אין ער איז זיך ארויס געגאנגען בקומה זקופה מיט גיאות (שטאלץ) אין אלע שרים זענען געגאנגען ארום איהם אין מוזיק האט געשפיעלט אין פיעל מיליטער זענען געגאנגען פאראוס אין א המון כחול הים איז איהם נאך געגאנגען אין זיי האבין זיך געשטיפט איהם צי זעהן איהם צי געבען אקיש אין ווער עס האט ניט געקענט איהם געבען אקיש זענען נאך געגאנגען פין הינטען אין האבען געקישט די ערד וואס ער איז אויף איהר געטרעטען דער כבוד זיינער איז געוועזען אין שיעור · מען האט איהם אזוי אריין געפיהרט צים קיסר מיט כבוד:

דער קיסר האט איהם געזאגט לפנים יעצט ווייס איך אז דיינע רייד זענען אמת וואהל איז דיר. יעצט דארף מען שיקען נאך די יודען אין הערען וואס זיי וועלען יעצט ענטפערין. דאכט זיך אז יעצט מוזען זיי זיך טויפען מען האט געשיקט רופען די יודען אין אלע גוים האבין געלאכט אין גישפעט פין זיי אין האבין זיי געזידעלט אין מען האט זיי בעווארפען מיט שטיינער אין מען האט זיי געזאגט עס איז געקומען די צייט איהר זאלט אייך טויפען אבער מען זאל אייך הרגנען די יודען האבען ניט געקענט געהן צים קיסר פין די שטיינער וואס מען האט זיי געווארפען אין די בזיונות וואס מען האט זיי מבזה געוועזען אין פין דעם שפייען וואס מען האט אויף זיי געשפיגען זיי האבין פיהל געלוטען ביז זיי זענען אריין געקומען צים קיסר ווי זיי זענען אריין געקומען צים קיסר האט זיי דער קיסר געזאגט יעצט האט איהר נאך אויף וואס צי זאגען יעצט דארפט איהר שוין זיכער גלייבען אין אינזער גלח וואס האט בעוויזען אזא זאך און איהר מיזט אייך טויפען און איהר וועט זיין גלייך מיט אינק און דאס וועט זיין פאר אייך א טובה אזוי ווי איהר האט אייך מחייב געוועזען. האבין די יודען גיענטפערט מיר האלטען נאך ביי אונזערס מיר זענען שטארק און אינזער אמונה און מיר גלייבען ניט אז ער איז געבליבען לעבען אהן עסין ווער ווייסט וואס עס איז דארט געשעהן ער האט זיכער געטוהן א תחבולה ער

זאל

זאָל דאָרט קענען לעבען אָבער ער זאָל גאָר ניט האָבען גיגעסין איז ניט מעגליך · האָט דער המון זיי גיענטפערט דאָס שטיבעל איז דאָך געוועזין פערשלאָסען אין די שומרים האָבען דאָך געהיטען פון אַלע זייטען און ניט צו געלאָזט קיין שום מענש צו איהם און איהר האָט דאָך גישטעלט אייערע שומרים ווי אַזוי קענט איהר נאָך זיין אין ספק און קלעהרען אַז ער האָט געגעסין אין דעם שטיבעל איז דאָך גאָר ניט געוועזען נאָר דאָס ליכט און די ביכער דער גלח האָט זיך אָהנגערופען אין דעם שטיבעל איז דאָך נאָך דאָ אַלעס וואָס עס איז געוועזען מען האָט דאָך נאָך גאָר ניט אַרוס גענימען קען מען דאָך אַהין געהן און דיא זאַכין אַהער ברענגען אַלעס וואָס נאָר דאָרט איז דאָ אין מען וועט זעהן צו עס איז עפּיס דאָ אַמין עסין אָבער טרינקען · דער קיסר האָט אַריבער געשיקט און מען האָט גיבראַכט אַלע זאַכען וואָס דאָרט איז געוועזין דאָס ליכט און די ביכער מען האָט גוט אָהנגעקוקט די זאַכען און מען האָט געזעהן אַז עס איז ניט דאָ קיין שום זאַך פון אַמין עסין · דער קיסר האָט גענימען דאָס ליכט און דער האַנד אַריין און עס גוט אַדורך געקוקט און גיזיכט צו ער וועט עפּיס אָהנזעהן אַצייכען ער האָט זיך שטאַרק געווינדערט היתכן איך האָב אַליין געזעהן מיט מיינע אויגען ווי ער האָט אַרוס גענימען פון ליכט צוויי פלעשליך און יעצט זעה איך גאָר ניט אָהן קיין צייכין פאַר גרויס כעס האָט ער גענימען דאָס ליכט און עס געוואָרפען און דער ערד און האָט געזאָגט וואָס דאַרף מען קוקען מען זעהט דאָך אַז עס איז ניט דאָ קיין פאַלדשקייט ווי ער האָט געוואָרפען דאָס ליכט אויף דער ערד איז דאָס ליכט צי בראָכין געוואָרען אין עס איז אַרוס געפאַלען די צוויי פלעשליך וואָס איז דאָרט געוועזען אַזאַ געטראַנק וואָס אַז מען טרינקט פין דעם איין לעפעל אין מעת לעת זעט עס אָהן אַזוי גיט ווי עסין אין טרינקען ווי דער המון האָט דאָס דערזעהן זענען אַלע געבליבען שטעהן אין האָבין ניט געוויסט וואָס דאָס איז :

**האָט** דער קיסר גיפרעגט דעם גלח וואָס די פלישליך זענען ? ער איז אָבער געבליבען זיצען כאבן דומים אין האָט גאָר ניט גיענטפערט · האָט דער קיסר געזאָגט צי זיינע שרים אין צי דעם המון וואָס איז געשטאַנען אַרום איהם איהר זעהט מיט אייערע אויגען ווי אַזוי מיט זיין ליגענד האָט אונז געוואָלט אָהנריידען אַז מיר זאָלען פערגיסען אום־שילדיג בלוט אין ברענגען אויף אונז אַזאַ זינד נאָר גאָט האָט אינז מציל געוועזען מיר זאָלען ניט פערגיסען דיין בלוט דער המון האָט אַראָב געלאָזט זייערע אוגען צי דער ערד זיי האָבין ניט געהאַט וואָס צי ענטפערין האָט דער קיסר זיך געווענדעט צי די יודען אין האָט זיי געזאָגט איך גיב אייך איבער אייער שונא אייך אין די הענד אַריין נעמט

אין זייט אייך אין איהם נוקס אין טהוט איהם אזוי ווי ער האט אייך געוואלט טוהן. דער המון איז אוועק געגאנגען בפחי נפש און זייער שמחה איז זייער צושטערט געווארען. און די יודען האבען גענומען דעם גלח און האבען איהם ארום געשלעפט אין אלע גאסען און האבען זיך אין איהם נוקם געוועזען און האבען איהם צושניטען אויף שטיקער און האבען זיי געווארפען פאר די הינד מיר זאלען זוכה זיין צו זעהן ניסים און זאל אונז אויס לייזען פון גלות במהרה בימינו אמן:

# אַ קְלוֹגֶען אֵיינְפַאל מֵהָרַב הַגָאוֹן מוה"ר אַרְיֵ' לֵייבִּיש לִיפְּשִׁיטְץ דֶער רַב פוּן וִוישְׁנִיצָא דֶער בַּעַל מְחַבֵּר פוּן סֵפֶר אַרְיֵ' דְבֵי עִילָאִי.

אין ווישניצא האט געוואהנט א איש נכבד אגרויסער תלמוד חכם און אגרויסער עושר און ער האט געהאט אוויין שענק. פלוצלינג איז ער ארים געווארין זיין ווייב איז קאליע געווארען און ער האט פערלוירען זיין גאנץ געלד. ווי ער האט געזעהן אז ער קען זיך ניט קיין עצה געבען דער הינגער הערשט ביי איהם און שטיב. ער האט ניט געוויסט וואס צו טוהן איז איהם איינגעפאלען ער זאל אוועק פאהרען קיין אהנגארן און זאל זיך דארטען זיכען עפיס צו פערדינען ער זאל קענען מאכען עפיס געלד ער זאל קענין זיך מאכען צוריק אמסחר ער זאל זיך קענען דערנערען בכבוד. ער איז אוועק געפאהרען קיין אונגארען און איז געווארען מלמד ביי איין עושר וואס האט געהאט אוויין האנדיל ער האט געלערענט מיט די קינדער באמונה און ווען ער האט ניט געלערינט פלעגט ער ארייין צו געהן און שענק אריין און צו העלפען צו דעם מסחר ער האט נושא חן געוועזען ביי דעם עושר און ער האט איהם מוסיף געוועזען אויף זיין שכירות ביז פינף הונדערט רייניש א יאהר. ער איז ביי איהם געוועזען אצייט ביז עס איז איהם שוין געקומען צוויי טויזינד רייניש איז ער צו געגאנגען צום בעל הבית און האט זיך מיט איהם אב גירעכינט און ביי איהם אב גענימען זיין שכירות און האט געזאגט דעם בעל הבית דאס ער וויל שוין אהיים פאהרען. דער בעל הבית האט איהם געגעבען אפעסיל גוטען וויין במתנה דאס איז געוועזען פאר פסח. און עס איז פונקט געקומען א ווישניצער וויין שענקער צו דעם בעל הבית קופען וויין דאמאלס איז נאך ניט

ניט געוועזען קיין באַהנען. נאָר ווי דעם ווייטסטען וועג האָט מען געמוזט פאָהרין מיט פידרען. דער ווישניצער ווייַן שענקער האָט געדינגען פיהרען מען זאָל איהם אָב פיהרען דעם ווייַן קיין ווישניצאָ. האָט דער בעל הבית געזאָגט צו דעם מלמד דאָס געלד איז דאָך זייער שוועהר וויַיל דאַמאָלס איז ניט געוועזען קיין פאַפירען געלד נאָר זילבער אָבער קיפער געלד אין צוויי טויזענד רייניש זילבער איז דאָך אַ פערנעם. ע״כ איז מיין עצה די זאָלסט אַריין לייגען דאָס געלד אין דעם פעסיל ווייַן אַריין אין דער ווייַן שענקער וועט עס שוין דיר אַהיים פיהרען אין דער היים וועסטו עס אָב נעמען אין וועסט דיר אַרויס געמען דאָס געלד די עצה איז דעם מלמד זייער געפעלין אין האָט אַזוי געטוהן ער האָט אַריין געלייגט דאָס געלד אין פאס ווייַן אַריין אין מען האָט עס אויף געלייגט אויף דעם ווישניצער ווייַן שענקערס פיהר:

דער מלמד האָט אַהיים געשריבען צו זיין בני בית אַבריף אַז ער קומט אַהיים אין ברענגט מיט זיך טויזענד רייניש די אַנדערע טויזענד רייניש האָט ער פערלייקענט אפילו פאַר זיין ווייב. דער ווייַן איז אָהנגעקומען קיין ווישניצא דער ווייַן שענקער האָט פערשטאַנען אַז זיכער האָט דער בעל הבית געגעבען דעם מלמד דעם בעסטען ווייַן וויַיל ער האָט געזעהן חי ווייט דער בעל הבית האָט איהם ליעב. האָט ער אויס געביטען אין האָט געגעבען דעם מלמד אַ געמייַנער פעסיל ווייַן אין זיך גענומען דאָס בעסערע. דער מלמד האָט אָב גענימען דאָס פעסיל ווייַן אין האָט עס געפענט דאָס פעסיל האָט ער גיזעהן אַז דאָס געלד איז ניט דאָ איז איהם פינצטער געוואָרין פאַר זיינע אויגען אין אויך זיין ווייב האָט גיהערט אַז ער ברענגט אַהיים טויזינד רייניש האָט זי דער וויַיל געמאַכט מלבושים פאַר זיך אין פאַר די קינדער אין האָט אַריין גענומען אין שטוב אַריין חפצים אַלץ האָט זי געבאָרגט יעצט ער איז אַהיים געקומען זענען אַלע בעלי חובות געקומען מאָהנען דאָס געלד וואָס זיין ווייב האָט ביי זיי געבאָרגט ער האָט ניט געוויסט וואָס צו טוהן פאַר גרויס עגמת נפש איז ער ניט אַריין געגאַנגען צום רב זיך צו זעהן מיט איהם:

דער רב האָט איהם בעגעגענט אין גאַס אין האָט איהם גיפרעגט וואָס ער קומט ניט צו איהם דער ציילט ער אים די גאַנצע מעשה אין האָט זיך מתנצל געוועזען פאַר דעם רב ווי שלעכט איהם איז זיין ווייב האָט אָהן געבאָרגט געלד אין ער קען עס ניט אָפ נעהמין. האָט איהם דער רב גיענטפערט האָב ניט קיין מורא איך וועל אָב נעמען דיין געלד עס וועט דיר גאָר ניט פעהלען. דער רב האָט געהייסען דעם שמש ער זאָל אויס רופען און שוהל און אַלע בתי מדרשים אַז דעם ווייַן וואָס דער וויינשענקער האָט גיברענגט איז יין

נסך

נסך מען טאָהר איהם ניט ניצען. ווייל ער זאָגט אַז ער האָט דעם מלמד׳ס ווייַן ניט אויסגעבייטען האָט דאָך עס אַ גוי וואָס האָט עס געפיהרט דעם ווייַן פערבייטען ע״כ איז דאָך דער ווייַן אסור:

דער סוחר איז געגאַנגען צום רב און האָט געזאָגט צום רב איך אַלייַן האָב אויס געביטען דעם ווייַן איך וועל איהם אָב געבען דאָס געלד איך האָב גוט אַכטונג געגעבען אויף דעם ווייַן דער ווייַן איז אמת כשר. האָט דער רב איהם געענטפערט אפשר בעטרעפט דער שאָדען (ד״ה דער חילוק פון יין נסך ביז כשר׳ן ווייַן) בעטרעפט מעהר ווי דאָס געלד פון דעם מלמד ע״כ מוזט דו שווערען אַז די האָסט דעם ווייַן אָבגעהיטען דער סוחר האָט געשוואָהרען און האָט אָב געגעבען דעם מלמד דאָס פעסיל ווייַן מיט דעם געלד און דער מלמד האָט אָב געגעבען אַלע חובות און האָט געהאַט אַלייַסטיגען יו״ט:

## אַ ווינדערליכע מַעֲשֶׂה פוּן ר׳ הִירְשׁ מִרוּמָנוֹב זצ״ל.

דער רבי ר׳ הירש רומנובער האָט געהאַט בייַ זיך איונגעל אמשרת. אַמאָהל און ווינטער האָט דער רבי געזאָגט צו זייַן משרת געה אַרויס פון מייַן שטיב איך וויל ניט די זאָלסט בייַ מיר זייַן. דאָס יונגעל האָט אָהנגעהויבען צו וויינען און געזאָגט רבי ווי וועל איך יעצט געהן עס איז דאָך קאַלט און איך בין דאָך נאַקיט און באָרוויס און די גבאים האָבען אויך געבעטען פאַר איהם דער רבי האָט זיך געהאַלטען בייַ זייַנעם ער זאָל שוין אַוועק געהן פון איהם ער זאָל זיך ניט געפינען און דער שטאָדט. דאָס יונגעל האָט געמיזט אַרויס געהן פון רבי׳ן און אויך פון רומנוב און איז אַדורך געגאַנגען דאָרך אַקרעטשמי לעבען רומנוב ער האָט געבעטען די בעל הבית׳טע זי זאל איהם לאזען נעכטיגען זי האט איהם געהייסען נעכטיגען דאס יונגעל האט זיך געלייגט שלאפען. שפעט בייַנאַכט זענען אַדורך געפאָהרען דורך דער קרעטשמע סוחרים און זענען אַרייַן געגאַנגען אין קרעטשמע אַרייַן זייַ האָבין אויף גיוועקט די בעל הבית׳טע און האָבען זיך געהייסען צי גרייַטען עסין זייַ האָבין גיגעסין און געטרונקען זייַ זענען געווען גרויסע עשירים זייַ זענען אַביסעל שיכור געוואָרין האָבין זייַ געזוכט אין שטיב עמיצען זייַ זאָלען קענען מיט איהם פערברענגען אַ ביסעל זייַער צייַט זייַ האָבין געפינען דאָס יונגעל זייַ האָבין איהם אויף געוועקט און האָבין איהם געגעבען עסין און טרינקען:

די

די בעל הביתטע איז געוועזען פין דעם צי פרידען ווייל זי האט דערווייל געלייזט אסך געלד די סוחרים האבין זי געפרעגט צו זי האט איונגעל אבער אמיידעל זי האט געענטפערט אז זי האט אקליין מיידעל אין האט זיי געוויזען דאס מיידיל. די סוחרים האבין געפרעגט דאס מיידעל צו זי וויל דאס יונגעל פאר אחתן וועלען מיר מאכען פאר אייערט וועגען אחתונה און אסעודה דאס מיידיל האט כמעט ניט פערשטאנען וואס מען מיינט דאס. נאר ווייל זי האט געוואלט אז איהר מוטער זאל לייזען געלד האט זי געזאגט יא ווייל זי האט געוויסט אז איהר מוטער וועט לייזען פאר ברויט און פלייש און אלעס וואס מען דארף אויף אסעודה און די מוטער האט איהר צו גירעדט זי זאל זאגען אז זי בעשטעהט. ביי זיי האט עס אויס גיזעהן פאר אגילעכטער. די סוחרים האבען געמאכט אחתונה כדין וכדת דאס יונגעל האט מקדש געוועזען דאס מיידעל כדין וכדת. ווי זיי דאבען גיענדיגט די סעודה האבען זיי בעצאהלט וואס עס איז געקומען און זענען זיך אוועק געפאהרען און דער בעל הבית איז ביי דעם אלעמען ניט געוועזין:

אין עטליכע שעה ארום איז דער בעל הבית אהנגעקומען זיין ווייב האט איהם דערציילט וואס דא איז געוועזען די סוחרים האבען איהר געגעבען אסך געלד צו לייזען און האט איהם דערציילט פון דער חתונה וואס זיי האבין דא געמאכט דער בעל הבית איז געוועזין א איידילער יוד איהם איז עפיס די מעשה ניט גיפעלין ער האט מורא געהאט אויב די קדושין זענין ניט קיין קדושין ער האט גיפרעגט דאס יונגעל פון וואנען ער איז? און וואס ער טהוט דא? ער האט איהם דערציילט אז ער איז געוועזען אמשרת ביי דעם רבי'ן און רומנוב און דער רבי האט איהם ארויס געטריבען. עס איז טאג געווארען האט דער בעל הבית איינגעשפאנט זיין פיהר און איז געפאהרען מיט דעם יונגעל קיין רומנוב צום רבי'ן אזו ווי זיי זענען אריין געקומען איז זיי דער רבי אקיגען געגאנגען און האט זיי געזאגט מזל טוב און האט געזאגט צום בעל הבית איך האב גיזעהן אז דיין טאכטער דארף זיין דעם יונגעלס ווייב און איך האב ניט געוויסט ווי אזו די זאך וועט זיין די ביסט אעושר און ער איז א ארים יונגעל ווי אזוי וועסטו וועלין נעמען אזא ארים יונגעל האב איך איהם אוועק געשיקט פון מיר כדי ער זאל קענען נעמען דיין טאכטער און גלויבט איז השי"ת אז די זאך איז נגמר געווארען אז ער איז געווארין דיין איידים יעצט קענסט דיך משער זיין ווער די סוחרים זענען געוועזען וואס האבען געמאכט די חתונה דאס איז קיין מענשען ניט געוועזען נאר שליחים פון גאט די דארפסט דיך ניט מצער זיין ווייל גאט האט אזו געהייסען. ווער קען זיין דאגעגען דער זכות פון דעם צדיק זאל אויף אינץ מגין זיין:

# אַ וואונדערליכע מעשה פון הצדיק המקובל דער בעל מגלה עמוקות וואס זי איז פערשריבען אין פנקס אין קראָקאָ.

אין קראָקא איז געוועזען אַ איד אַ עושר אַ תלמיד חכם אַ צדיק דער עושר האָט געהאַט אַ מנהג אַז אַלע טאָג ווען ער פלעגט געהן אין בית המדרש אַריין פלעגט ער גייענדיג אויף דעם וועג טהיילען צדקה און די אָרימע לייט פלעגין זיך אַנידער שטעלין אויף דעם וועג צו נעמען ביי איהם אַ נדבה. צווישען די אָרימע לייט איז געוועזען אַ גוי וואָס ער פלעגט אויך נעמען ביי איהם אַ נדבה אַמאָהל איז געקומען דער גוי צום יוד און האָט איהם דערציילט אַז די גוים האָבען זיך אָבגיקלעהרט זיי זאָלען זיך איינזאַמלען אויף איין בעשטימטען טאָג מען זאָל ח"ו אויסהאַרגינען אַלע יודען ע"כ זאָלט איהר זעהן אַ עצה די זאַך צו בעוואָרינען נאָר איך בעט אייך אַז די זאָלסט ניט אויסזאָגען פאַר קיינעם אַז איך האָב עס דיר דערציילט. דער עושר איז אַריבער געגאַנגען צום רב דער בעל מגלה עמוקות און האָט איהם דערציילט די מעשה. האָט דער רב געזאָגט אַז מען זאָל געהן ביי נאַכט אויף דעם בית עלמין און מען זאָל זיך אָהנטוהן ווייסע מלבושים און דעם טלית און קיטעל און יעדען איינער זאָל האַלטין אַ ליכט און דער האַנד מען האָט אַזוי געטוהן:

האַלבע נאַכט זענען די גוים געקומען און שטאָדט אַריין ווי זיי האָבען דערזעהן ווייסע מענשען האָבין זיי גירעכינט אַז דאָס איז מתים האָבין זיי מורא בעקומען און האָבען געזאָגט אַז די מתים האַלטען מיט אינז מלחמה ווען מיר גאָר ניט קענען מאַכען און זענען אַטלאָפען עס איז געוועזען פינסטער איז איינער געפאַלען אויף דעם צווייטען און האָבען זיך צו קלאַפט דאָס בית עלמין פון קראָקא איז לעבען ווייסעל און פאַר גרויס פחד זענען אַסך גוים אַריין געפאַלען און וואַסער אַריין. די מעשה איז פערשריבען געוואָרען און פנקס פון קראָקא:

# אַ ווינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי׳ן ר׳ בֶּער מִיט ר׳ אַהֲרֹן קַארְלִינֶע.

דער רבי ר׳ אהרן מקאַרלין איז געוועזען פאַר פסח ביי דעם רבי׳ן ר׳ בער און ער האָט געוואָלט אַהיים פאָהרען אויף פסח איז ער אַריין געגאַנגען צום רבי׳ן ר׳ בער זיך גיזעגינען דער רבי האָט איהם גיזעגינט נאָך דעם האָט ער געזאָגט צו זיינע תלמידים זעהט איהר זאָלט ניט לאָזין ר׳ אהרן אַהיים פאָהרען. די תלמידים זענען תיכף אַרויס געגאַנגען צו איהם און האָבען איהם גיבעטען אַז ער זאָל ניט אַהיים פאָהרען ער האָט אָבער זיי ניט געוואָלט פאָלגין האָבען זיי איהם געזאָגט די זאָלסט וויסען אַז דער רבי האָט אינז געבעטען אַז מיר זאָלען דיך ניט לאָזען אהיים פאָהרען האָט ער זיי געזאָגט פאַר וואָס האָט ער מיר ניט געזאָגט ווען איך האָב זיך גיזעגינט. דאָך איז ער אַריין געגאַנגען צום רבי׳ן און האָט איהם געזאָגט איך וויל אַהיים פאָהרין נאָר די חבירים זאָגען מיר פאַר אייערט וועגען אַז איך זאָל ניט פאָהרען. האָט איהם דער רבי גיענטפערט איך וועל דיר ניט זאָגען אויב די ווילסט פאָהרען מעגסטו פאָהרען. ער איז אַרויס געגאַנגען האָט ער ווייטער געזאָגט צו זיינע תלמידים זיי זאָלען איהם ניט לאָזען פאָהרען זיי זענען ווייטער צו איהם אַרויס געגאַנגען און האָבען געזאָגט אַז דער רבי הייסט איהם ניט פאָהרען האָט ער זיי גיענטפערט פאַר וואָס הָט מיר דער רבי ניט געזאָגט. בקיצור ער האָט זיי ניט געפאָלגט און איז אַהיים געפאָהרען אויף פסח און ער איז שלאַף געוואָרען און איז נפטר געוואָרען דעם דריטען טאָג חול המועד פסח האָבין די תלמידים גיפרעגט דעם רבי׳ן פאַר וואס האָט איהר אינז ניט געזאָגט אַז עס האָלט אַזוי ווייט ביי סכנות נפשות וואָלטען מיר איהם בשום אופן ניט נעלאָזט פאָהרען? האָט זיי דער רבי ר׳ בער גיענטפערט עס שטייט און פסוק ביי משה רבינו „בכל ביתי נאמן" ער איז בעגלייבט ביי מיר און הויז איז דאָך די קשיא אויף דעם הימעל איז עפיס פערהאַנען אַדבר גשמו וואָס מען זאָל עס קענען גנבינן נאָר דער פשט איז אַזוי ער איז אַ נאמן ער זעהט אַלעס וואָס עס טהיט זיך און הימעל און זאָגט ניט אויס. אַזוי איך אויך. איך האָב טאַקי געזעהן אַז ער דאַרף נסתלק ווערען נאָר איך האָב ניט געהאַט קיין רשות אויס צו זאָגען איבער דעם האָב איך אייך געזאָגט אַז איהר זאָלט זעהן אַז ער זאָל ניט אַהיים פאָהרען אָבער אַז ער האָט אייך ניט געוואָלט פאָלגען בין איך ניט שולדיג ווען ער זאָל גיוועזין זיין ביי מיר וואָלט איך איהם געוועזען אויף געהאַלטען זכות כל הצדיקים יעמד לנו ולכל ישראל אמן

## אַ װוּנדערלִיכֶע מַעֲשֶׂה מֵהָרַב הַצַּדִּיק הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ ר׳ יִצְחָק אַבּוּהַב דֶער בַּעַל מְחַבֵּר פֿוּן סֵפֶר מְנוֹרַת הַמָּאוֹר :

עֶס איז דעם רביין ר׳ יצחק אבוהב זצ״ל געוועזען אַ שאַלה אין דער תורה וועגען ווערטער ווי אַזוי זיי דאַרפען זיין געשריבען האָט ער גיהערט אַז אין אַווייטע שטאָדט געפינט זיך עזרא הסופר׳ס אספר תורה איז ער אַהין געפאָהרען כדי ער זאָל זעהן אין דעם ספר ווי אַזו די ווערטער זענען געשריבען. איז איהם אויס געקומען צו האַלטען שבת אין אַדאָרף ער האָט זיך גיפרעגט צו ער וועט דאָרט האָבין אַמנין צום דאַווינען האָט מען איהם גיענטפערט אַז עס איז דאָ אַמנין. שבת אין דער פריה האָט מען נעדאַוועט מיט מנין צום לייענען האָט מען אויף גערופען יעמוד משה הלוי אַזוי האָט מען אויף גערופען אַלע שבעה רועים אין איהם האָט מען אויף אוף גערופען אין מען האָט פאַר איהם פאָרגעלייענט אַלע ווערטער וואָס עס איז איהם געוועזען מסופק ווי אַזו מען דאַרף זיי שרייבען. מוצאי שבת איז פון איהם נעלם געוואָרען די שטיב מיט מענשען אין ער איז אַהיים געפאָהרען בשלום זייער פרייליך דאָס ער האָט שוין געוויסט ווי אַזוי די ווערטער צו שרייבען. פון דאַנען זעהן מיר ווי געליעבט עס איז ביי הקב״ה דעם מענש וואָס טהוט אַמצוה ערענסט ווייל ער האָט געמיינט די זאַך ערענסט האָט מען איהם אַראָב געשיקט אַלע שבעה רועים מיט אַספר תורה כדי ער זאָל זיך ניט דאַרפען מטריח זיין אין אַ ווייטען וועג אַריין. מיר זאָלען זוכה זיין מיר זאָלען קענען מקיים זיין מצות ד׳ בשלימות אין מיר זאָלען זוכה זיין צו ישיעות ונחמות במהרה בימינו אמן :

## אַ מַעֲשֶׂה נוֹרָא וָואס מֶען הָאט גֶעוויזֶען דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב ז״ל פוּן הִימֶעל אַז עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אַ יוּד וָואס מִיט דֶעם שָׁלֹש סעוּדוֹת וֶוערְט אַ גרוֹסֶע שִׂמְחָה אוּן הִימֶעל.

מִיט איין מאָהל האָט דער בעש״ט גיהייסען שפאַנין די פערד און איז אַוועק גיפאָרען אין איין דאָרף אַריין דאָרט צו האַלטען שבת דאָס דאָרף האָט גיהאַלטען איין יוד אין אַרענדע (דאָס הייסט דער יוד האָט דאָס דאָרף אָבגידינגען ביי דעם פריץ) צו שלש סעודות האָט דער בעש״ט גיזעהן ווי דער אַרענדאר לויפט אַרום אויף דעם דאָרף צו נויף ריפין אַלע יודען וואָס וואָהנען אין דאָרף זיי זאָלען מיט איהם זיצען צו זאַמען שלש סעודות. דער בעש״ט הקדוש האָט גיזעהן ווי עס איז גיוואָרען איין גרו״ס ליכטיקייט אין הימעל פין דעם שלש סעודות. האָט דער בעש״ט גיפרעגט דעם אַרענדאַר ער זאָל איהם זאָגען וואָס פאַר אַכוונות ער האָט ביי דעם. און צו וואָס ער ריפט צו זאַמען אַלע יודען פין דאָרף. האָט דער אַרענדאַר גיזאָגט צום בעל שם טוב אַז ער ווייסט נישט פין קיין שום כונות. נאָהר ער האָט גיהערט אַז ערליכע יודען ווינשען זיך זייער נשמה זאָל אויס גיין צווישען יודען. אויך האָט ער גיהערט אַז פרייטיג פאַרנאַכט קימט צו יעדען יוד די נשמה יתירה און מוצאי שבת גייט זי אַוועק. ריפט ער צו זאַמען די יודין אַז די נשמה זאָל איהם אויס גיין צו ווישען יודען. דאָס הייסט אַז זיין נשמה יתירה זאָל פין איהם אַוועק גיין ווען ער איז דאָ צווישען יודען איבער דעם רופט ער צו נויף אַלע יודען וואָס זיי זענען אין דאָרף אַז זיין נשמה זאָל פין איהם אַוועק גייהן ווען די יודען זענין ביי איהם. פין דעם קאָן מען זיך אַרויס לערנען ווי גרויס עס איז אין הימעל ווען יודען זענען צו זאַמען ביי שלש סעודות חאָטש עס האָט גאָהר נישט קיין מקור הדין. אַבי עס איז לשם שמים. ווי די הייליגע חכמים זכרונם לברכה זאָגין רחמנא לבא בעי אַזו זאָל אינז הש״י העלפין מיר זאָלען דינען הש״י מיט גיטע מחשבות. ובזכות זה וועלין מיר גיהאָלפען ווערין מיט כל טוב אמן:

# אַ ווּנדערליכע מַעֲשֶׂה מֵהָרַב הַצַּדִּיק ר׳ דָּוִדִיל טַאלְנֶער זצ״ל :

דער רבי ר׳ דוד טאלנער איז געוועזען אין לאדז אין האט צו זאַממען גענומען ביי זיינע חסידים אַסך געלד נאך דעם האט ער זיי דער ציילט אַמעשה. ווען דער רבי ר׳ אַלימלך מיט זיין ברודער דער רבי ר׳ זישא זענען געגאַנגען אין גלות זענען זיי געוועזען געקליידעט ווי פראסטע ארימע לייט אין זענען אַזוי געגאַנגען פון שטאדט צו שטאדט ביז זיי זענען געקומען לעבען דער פרייסעשער גרענעץ דארט האט מען מודיע געוועזען מן השמים אַז עס איז שוין געקומען די צייט זיי זאלען זענען נתגלה ווערען זענען זיי אַריין בעקומען אין אַגרויסע שטאדט אַריין דער רבי ר׳ אַלימלך האט געזאגט אַדרשה מיט גרויס חריפות ובקיאות אין דער רבי ר׳ זושא האט געזאגט תהילים מיט גרויס התלהבות מען האט גיזעהן אַז זיי זענען גרויסע לייט זענען די נכבדי העיר צַרויס געגאַנגען אויף דער שטאדט אין מען האט זיי צי זאַמען גענימען אַסך געלד. ווי מען האט זיי געגעבען דאס געלד האט ר׳ זושא עס איבער געציילט אין האט געזאגט עס פעהלט נאך פיער גראשין די מענשען איז עס געוועזען אַגרויס ווינדער דער ווייל האבען זיי זיך דער מאנט אַז איין גביר האט זיי געוואלט געבען פיער גראשין האבין זיי ניט געוואלט נעמען, האט דער ר׳ זושא געזאגט טאַקי די פיער גראשען פעהלען מיר ווי זיי האבין איהם געבראַכט די פיער גראשין האט ער זיי געזאגט איהר זאלט וויסין אַז די צדיקים ווייסען וויפיל געלד זיי דאַרפען מאַכין אין שטאדט אַריין. די חסידים האבען פערשטאַנען אַז ער מיינט אויף זיך אויך אַז ער האט נאך ניט דעם סכום וואס מען האט אָהנגעצייכענט אין הימעל האבין זיי איהם צו געגעבען נאך געלד ביז זיי האבין משלים געוועזען דעם סכום נאך דעם האט ער זיי געזאגט דעם חילוק פון מיר ביז יענע צדיקים. זיי האבין נאך געוויסט וויפעל זיי דאַרפען אין דעם שטאדט מאַכין איידער זיי קומען אין שטאדט אַריין איך ווייס הערשט ווען איך האלט ביי אַוועק כאָהרען ני״ע ועכי״א׳